# Boston Workers Circle
# Arbeter Ring
# Yiddish Sing

**Linda Gritz and Michael Katz**
**Boston Workers Circle/Arbeter Ring**

Our monthly Yiddish Sing meets on the 4th Thursday January through October
and on the 3rd Thursday in November and December.
All are welcome, regardless of singing ability or knowledge of Yiddish.
We sing from 7:30 to 9:00 pm at Boston Workers Circle, 6 Webster Street, Brookline.
For more information: 617-566-6281; info@circleboston.org
http://www.circleboston.org

# Song Sheets for Yiddish Sing led by Linda Gritz, Michael Katz, and Guests


| Song | Page | Song | Page |
|---|---|---|---|
| Akhtsik Er un Zibetsik Zi | 3 | Lomir Ale In Eynim | 58 |
| Ale Brider (un Mitkinder) | 4 | Mayn Rue Plats | 28 |
| Ale Mentshn | 5 | Mayn Yingele | 29 |
| Arbeter Froyen | 6 | Mir Far Dayne Beyndelekh | 30 |
| Arbeter Ring Himen | 7 | O Kum Shoyn Shtiler Ovnt | 31 |
| A Refue Shleyme | 59 | Ot Azoy Neyt A Shnayder | 32 |
| Arum Dem Fayer | 8 | Oy Dortn Dortn | 33 |
| Bulbes | 9 | Oyf A Bergl | 34 |
| Dem Zeydns Nign | 10 | Oyfn Pripetshik | 35 |
| Der Filosof | 11 | Rozhinkes Mit Mandlen | 36 |
| Der Rebe Elimeylekh | 12 | Sheyn Vi Di Levone | 37 |
| Di Bekhers Mit Vayn | 13 | Shlof Mayn Kind | 38 |
| Di Grine Kuzine | 14 | Shmilik, Gavrilik | 60 |
| Di Mizinke Oysgegebn | 15 | Shnirele Perele | 39 |
| Dire-Gelt | 16 | Sholem Lid | 40 |
| Di Sapozkhkelekh | 17 | S'iz Der Step | 41 |
| Di Tsukunft | 18 | Tayere Malke | 42 |
| Dona Dona | 19 | Tumba | 43 |
| Dos Lid Fun Broyt | 20 | Tum Balalayke | 44 |
| Dos Land Iz Dayn Land | 55 | Un Du Akerst | 45 |
| Dos Naye Lid | 21 | Undzer Nigndl | 46 |
| Eyn Kol | 22 | Vakht Oyf | 47 |
| Harbst Lid | 23 | Vig Lid | 48 |
| Haveynu Sholem Aleykhem | 24 | Volt Ikh Gehat Koyekh | 49 |
| Hob Ikh A Por Oksn | 25 | Vortsl un Fligl | 50 |
| Hob Ikh Mir An Altn Daym | 56 | Yankele | 61 |
| Hof un Gloyb | 26 | Yugnt Himen | 51 |
| Hulyet Hulyet Beyze Vintn | 57 | Zay Freylekh | 52 |
| Ikh Un Di Velt | 27 | Zingendik | 53 |
| | | Zog Nit Keynmol | 54 |

## AKHTSIK ER UN ZIBETSIK ZI

## אַכציק ער און זיבעציק זי

### The Golden Anniversary

Text and music by M.M. Warshawsky (see note to *Oyfn Pripetshik* on page 2), originally titled *Di Bobe Un Der Zeyde.*

S'iz haynt akurat gevorn fuftsik yor,
Vi zey lebn zikh in eynem dos alte por.
Zey hobn zikh geeltert, kukt aykh tsi:
    Akhtsik er un zibetsik zi.

Got hot zey mit oysher un koved baglikt,
In lebn hobn zey zikh keyn mol nit gekrigt.
Nor "Notele", nor "Bobele" rufn zey zikh tsi —
    Akhtsik er un zibetsik zi.

Der oylem hot genumen tsu bislekh vayn.
Dem zeydn mit der boben in rod arayn.
Di mume iz gegangen antkegn oyf a kni —
    Akhtsik er un zibetsik zi.

Azoy hot men gehulyet a halbe nakht,
— Bobele — zogt der zeyde, — A gute nakht
Shlof mir gezunt un dek zikh tsi —
    Akhtsik er un zibetsik zi.

Di bobe hot ongehoybn dremlen mit a mol,
Ir kholem vel ikh aykh dertseyln an andersh mol,
Lomir zey beydn lozn tsu ri —
    Akhtsik er un zibetsik zi.

ס'איז הײַנט אַקוראַט געוואָרן פֿופֿציק יאָר,
ווי זיי לעבן זיך אין איינעם דאָס אַלטע פּאָר.
זיי האָבן זיך געעלטערט, קוקט אײַך צי:
    אַכציק ער און זיבעציק זי.

גאָט האָט זיי מיט עושר און כּבֿוד באַגליקט,
אין לעבן האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט געקריגט.
נאָר „נאָטעלע", און „באָבעלע" רופֿן זיי זיך צי —
    אַכציק ער און זיבעציק זי.

דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך ווײַן.
דעם זיידן מיט דער באָבען אין ראָד אַרײַן.
די מומע איז געגאַנגען אַנטקעגן אויף אַ קני —
    אַכציק ער און זיבעציק זי.

אַזוי האָט מען געהוליעט אַ האַלבע נאַכט,
— באָבעלע — זאָגט דער זיידע — אַ גוטע נאַכט,
שלאָף מיר געזונט און דעק זיך צי —
    אַכציק ער און זיבעציק זי.

די באָבע האָט אָנגעהויבן דרעמלען מיט אַ מאָל,
איר חלום וועל איך אײַך דערציילן אַן אַנדערש מאָל,
לאָמיר זיי ביידע לאָזן צו רי —
    אַכציק ער און זיבעציק זי.

Today it is exactly fifty years that the old couple are married. Look how well they aged; God blessed them with honor and riches. Never once in their lifetime did they quarrel; it was always "Note dear" and "Bobe dear." Eighty — he and seventy — she.

**Ale Brider** *(All Brothers [and Sisters and Siblings])*

*(based on the poem "Akhdes" [Unity] by Morris Winchevsky, with new lyrics by Peggy Davis and Rabbi Eli Braun [shvester], Jeffrey Shandler [freylekh], Linda Gritz [pleytim and mitkinder], and Rabbi Shira Z Hazeer [farzamlen and google])*

Day day day day....

Un mir zaynen ale brider,
Oy, oy, ale brider,
Un mir zingen freylekhe lider, oy, oy, oy.
Un mir zaynen ale shvester,
Oy, oy, ale shvester,
Vi Sore, Rivke, Rus, un Ester, oy, oy, oy.
Day day day day...

Un mir zaynen ale eynik,
Oy, oy, ale eynik,
Tsi mir zaynen fil tsi veynik, oy, oy, oy.
Un mir zaynen ale freylekh
Oy, oy, ale freylekh
Vi Yoynosn un Dovid hameylekh, oy, oy, oy.
Day day day day...

Un mir zaynen ale pleytim,
Oy, oy, ale pleytim,
Tseraysn lomir ale keytn, oy, oy, oy.
Un mir zaynen mitkinder,
Oy, oy, mitkinder,
Arop mit tsveyike reyd atsinder, oy, oy, oy.
Day day day day...

Un mir veln zikh farzamlen,
Oy, oy, zikh farzamlen
Tsi in shtub, tsi durkh di ekranen, oy, oy, oy.
Tsi bay zoom un tsi bay google
Yeder brengt der eygn kugel, oy, oy, oy.
Day day day day...

און מיר זײַנען אַלע ברידער,
אוי, אוי, אַלע ברידער,
און מיר זינגען פֿריילעכע לידער, אוי, אוי, אוי
און מיר זײַנען אַלע שוועסטער,
אוי, אוי, אַלע שוועסטער.
ווי שׂרה, רבֿקה, רות און אסתּר, אוי, אוי, אוי

און מיר זײַנען אַלע אייניק,
אוי, אוי, אַלע אייניק,
צי מיר זײַנען פֿיל צי ווייניק, אוי, אוי, אוי
און מיר זײַנען אַלע פֿריילעך,
אוי, אוי, אַלע פֿריילעך,
ווי יהונתן און דוד המלך, אוי, אוי, אוי.

און מיר זײנען אלע פליטים
אוי אוי אלע פליטים
צעררייסן לאמיר אלע קייטן אוי אוי אוי
און מיר זײנען מיטקינדער
אוי אוי מיטקינדער
אראפ מיט צווייִקע רייד אצינדער אוי אוי אוי

און מיר וועלן זיך פֿאַרזאַמלען
אוי, אוי, זיך פֿאַרזאַמלען
צי אין שטוב, צו בײַ די עקראַנען, אוי, אוי, אוי.
צי בײַ זום און צי בײַ גוגל
יעדער ברענגט דעם אייגן קוגל, אוי, אוי, אוי.

*(And we are all brothers and sing happy songs.*
*And we are all sisters like Sarah, Rebecca, Ruth and Esther.*

*And we are all united, whether we are many or few.*
*And we are all gay like Jonathan and King David.*

*And we are all refugees; let's break all chains.*
*And we are all siblings; down with binary language now!*

*We will all get together, whether at home or through the screens*
*Whether by zoom or by google, everyone bring your own kugel)*

Ale Mentshn *(All People)*
*lyrics by IL Peretz, with updated colors and gender language by Linda Gritz*
*music by Beethoven*

| Yiddish lyrics | *English translation* |
|---|---|
| Bloye, royte, grine, roze,<br>Misht di farbn oys tsuzamen!<br>Ale mentshn—eyn mishpokhe,<br>Fun eyn tatn, fun eyn mamen. | *Blue, red, green, pink, [political groups]*<br>*Mix the colors all together!*<br>*All people -- one family,*<br>*From the same father, from the same mother!* |
| Oykh—eyn got hot zey bashafn,<br>--Un---eyn foterland di velt,<br>Ale mentshn—eyn mishpokhe,<br>Dos iz eynmol festgeshtelt | *And one God has created them all,*<br>*And one homeland: the world –*<br>*All people -- one family,*<br>*That is absolutely certain!* |
| Ale mentshn—eyn mishpokhe —<br>Blonde, broyne, royte, zilberne —<br>Andersh zaynen nor di farbn,<br>Di natur iz dokh di zelbe. | *All people -- one family*<br>*Blonde, brown, red, silver,*<br>*Only the colors are different –*<br>*But their nature is the same!* |
| Umetum dos zelbe praln,<br>Kh'hob es toyznt mol gehert<br>--Un fun zogn biz tsu trogn<br>Iz fun himl biz tsu dr'erd. | *Everywhere the same noise,*<br>*I've heard it thousands of times!*<br>*And from talking to doing—*<br>*It's as distant as heaven to earth!* |
| Ale mentshn eyn mishpokhe,<br>Blonde, broyne, royte, vayse,<br>Felker, rasn, un klimatn,<br>S'iz an oysgeklerte mayse. | *All people -- one family.*<br>*Blonde, brown, red, white...*<br>*Nations, races, and climates –*<br>*It's a fabricated story.* |
| Umetum der zelber muser,<br>Umetum dos zelbe laygn<br>Mitn moyl der gantser oylem<br>Di politiker mit shvaygn! | *Everywhere the same moralizing,*<br>*Everywhere the same lying –*<br>*The whole world with their mouth,*<br>*The politician with their silence!* |

**ARBETER-FROYEN** אַרבעטער־פֿרויען

## Working Women

One of the early labor songs directed at working women. Poem by David Edelshtat (1866-1892) and published in New York in *Di fraye arbeter shtime* (Free Voice of Labor) on May 8, 1891. Text and music published in 1918 by Y. Glatshteyn in Warsaw.

The song was widely disseminated in Eastern Europe. A. Litvak, a leader of the Jewish Labor Bund, writes that *"Arbeter-froyen"* was one of the first and most popular songs in Tsarist Russia. In a memoir, Abba Levin recalls that during the tanners' strike in 1897 in Krinek, near Grodno, the strikers sang workers' songs with great enthusiasm, mainly Edelshtat's *"Arbeter-froyen," "In kamf"* (In the struggle), and others. Similarly, memoirist Sholem Levin relates that the song was one of the most popular songs in Minsk in 1896-97. It was revived in the Off-Broadway musical *The Golden Land* (1982-87)

Arbeter-froyen, laydnde froyen!
Froyen, vos shmakhtn in hoyz un fabrik,
Vos shteyt ir fun vaytn, vos helft ir nit boyen
Dem templ fun frayhayt, fun mentshlekhn glik?

Helft undz trogn dem baner dem roytn,
Forverts, durkh shturem, durkh fintstere nekht!
Helft undz varhayt un likht tsu farshpreytn,
Tsvishn umvisnde, elnte knekht!

Helft undz di velt fun ir shmuts derheybn!
Ales opfern, vos undz iz lib;
Kemfn tsuzamen, vi mekhtike leybn
Far frayhayt, far glaykhhayt, far undzer printsip!

Nit eyn mol hobn shoyn nobele froyen,
Gemakht tsitern henker un tron,
Zey hobn getsaygt, az men ken zey fartroyen,
In biterstn shturem di heylike fon.

אַרבעטער־פֿרויען, לײַדנדע פֿרויען!
פֿרויען, וואָס שמאַכטן אין הויז און פֿאַבריק,
וואָס שטייט איר פֿון ווײַטן, וואָס העלפֿט איר ניט בויען
דעם טעמפּל פֿון פֿרײַהייט, פֿון מענטשלעכן גליק?

העלפֿט אונדז טראָגן דעם באַנער דעם רויטן,
פֿאָרווערטס, דורך שטורעם, דורך פֿינצטערע נעכט!
העלפֿט אונדז וואַרהייט און ליכט צו פֿאַרשפּרייטן,
צווישן אומוויסנדע, עלנטע קנעכט!

העלפֿט אונדז די וועלט פֿון איר שמוץ דערהייבן!
אַלעס אָפּפֿערן, וואָס אונדז איז ליב;
קעמפֿן צוזאַמען, ווי מעכטיקע לייבן
פֿאַר פֿרײַהייט, פֿאַר גלײַכהייט, פֿאַר אונדזער פּרינציפּ!

ניט איין מאָל האָבן שוין נאָבעלע פֿרויען,
געמאַכט ציטערן הענקער און טראָן,
זיי האָבן געצײַגט, אַז מען קען זיי פֿאַרטרויען,
אין ביטערסטן שטורעם די הייליקע פֿאָן.

Working women, suffering women. Women who languish at home and in the factory. Why are you standing on the sidelines? Why aren't you helping build a temple of freedom, of human happiness? Help us carry the red banner forward through the storm, through dark nights! Help us spread truth and light among ignorant, lonely slaves!

Help us raise the world from its squalor and achieve everything we value. Fight together like mighty lions — for freedom, equality, our ideals! More than once have brave women made tyrants and thrones tremble. They've shown, during the bitterest storms, that they can be trusted with the holy flag.

## ARBETER-RING-HIMEN

## ארבעטער־רינג־הימען

### Anthem of the Workmen's Circle

Poem by A. Liessin (1882-1938); the music by Meyer Posner (1890-1931) was the contest-winning melody in 1925.

Mir hobn di heymishe flamen
Shoyn tsendliker yorn gehit,
Zey hobn oykh hinter di yamen
Far undz azoy lib nokh geglit.
Zey hobn undz glutik tsuzamen
In ring fun an ordn geshmidt.

Un ale far eynem,
Un eyner far al' —
Baloykhtn in eynem
Fun eyn ideal.
Dem groysn, dem sheynem —
Fun arbeter-klal!

מיר האָבן די היימישע פֿלאַמען
שוין צענדליקער יאָרן געהיט,
זיי האָבן אויך הינטער די ימען
פֿאַר אונדז אַזוי ליב נאָך געגליט.
זיי האָבן אונדז גלוטיק צוזאַמען
אין רינג פֿון אַן אָרדן געשמידט.

און אַלע פֿאַר איינעם,
און איינער פֿאַר אַל׳ —
באַלויכטן אין איינעם
פֿון איין אידעאַל.
דעם גרויסן, דעם שיינעם —
פֿון אַרבעטער־כּלל!

Mid the blaze of a world in commotion,
The light of true freedom we sought.
Here at home and far over the ocean
To the forge of our vision we brought
The fire of our love and devotion,
And our own Workmen's Circle we wrought.
A timeless bond unites us,
A ring of tempered steel.
One radiant beacon lights us
To peace and commonweal.
Stand all for one and one for all,
The working class ideal.

(Translated by S.H. Friedmann)

## ARUM DEM FAYER

## אַרום דעם פֿײַער

### Round the Campfire

This song was popular in the 1930's in Poland and the United States. Published by M. Gelbart in 1938.

Arum dem fayer
Mir zingen lider,
Di nakht iz tayer,
Men vert nit mider.

Un zol der fayer
Farloshn vern
Shaynt oyf der himl
Mit zayne shtern.

To kroynt di kep
Mit blumen-krantsn –
Arum dem fayer
Mir'n freylekh tantsn.

Vayl tants un lid
Iz undzer lebn,
Dernokh in shlof –
Khaloymes shvebn.

אַרום דעם פֿײַער
מיר זינגען לידער,
די נאַכט איז טײַער,
מען ווערט ניט מידער.

און זאָל דער פֿײַער
פֿאַרלאָשן ווערן,
שײַנט אויף דער הימל
מיט זײַנע שטערן.

טאָ קרוינט די קעפּ
מיט בלומען־קראַנצן —
אַרום דעם פֿײַער
מיר'ן פֿריילעך טאַנצן,

ווײַל טאַנץ און ליד
איז אונדזער לעבן,
דערנאָך אין שלאָף —
חלומות שוועבן.

Around the campfire we sing songs. The night is lovely and no one gets tired. When the fire goes out, the stars light up the skies for us. So crown your heads with wreaths of flowers and gaily dance around the fire. For dance and song is our life, and in our sleep, we spin our dreams.

Bulbes
(Potatoes)

בולבעס

As sung by Jewish regiments in WWI.

Refrain

(1) Zuntik bulbes, montik bulbes
Dinstik un mitvokh bulbes
Donershtik un fraytik bulbes
Shabes in a novine
– a bulbe kugele
Zuntik vayter bulbes.

זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס
דינסטיק און מיטוואָך בולבעס
דאָנערשטיק און פֿרײַטיק בולבעס
שבת אין אַ נאָווינע
- אַ בולבע-קוגעלע
זונטיק ווײַטער בולבעס.

(2) Sruel, Kaprul, Moyshe Kapitan,
Firt di yidn in bod aran!

שראל, קאַפּרול, משה קאַפּיטאַן,
פֿירט די ייִדן אין באָד אַרײַן!

(3) Tsibeles gehakte, bulbelekh gebrokte,
Tsibeles un bulbekh gehakt un gebrokt!

ציבעלעס געהאַקטע, בולבעלעך געבראָקטע,
ציבעלעס און בולבעלעך געהאַקט און געבראָקט!

Verses:

Vos darf men esn dafke fleysh,
Un krign a fet baykhl?
Un az der dales hipket tsu
Iz bulbes oykh a maykhl.

וואָס דאַרף מען עסן דווקא פֿלייש,
און קריגן אַ פֿעט בײַכל?
און אַז דער (דלות) היפּקעט צו
איז בולבעס אויך אַ מאכל.

Mayn bobe, ir tsu lange yor,
Ikh vel dos nit fargesn,
Hot oykhet zeyer lib gehat
Bulbelekh tsu esn!

מײַן באָבע, איר צו לאַנגע יאָר,
איך וועל דאָס ניט פֿאַרגעסן,
האָט אויכעט זייער ליב געהאַט
בולבעלעך צו עסן!

Un itster in di shvere tsaytn
Ven alts iz zeyer tayer,
Kokht men oykhet bay di
raykhe layt
Bulbes oyfn fayer!

און איצטער אין די שווערע צײַטן
ווען אַלץ איז זייער טײַער,
קאָכט מען אויכעט בײַ די
רײַכע לײַט
בולבעס אויפֿן פֿײַער!

HB 2/87

Dem Zeydns Nigndl: Words by Shike Driz (1908-1971), music by Josh Waletzky

| | |
|---|---|
| Gis mir on, mayn tayere,<br>A bekherl mit vayn--<br>Lekhayim vel ikh trinken<br>Gezunt zolstu mir zayn! | גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,<br>אַ בעכערל מיט ווײַן-<br>לחיים וועל איך טרינקען,<br>געזונט זאָלסטו מיר זײַן! |
| Gehert hob ikh dertseyln,<br>Az in dem vayn dem altn<br>Hot aleyn der zeydenyu<br>A nigundl bahaltn. | געהערט האָב איך דערציילן,<br>אַז אין דעם ווײַן דעם אַלטן<br>האָט אַליין דער זיידעניו<br>אַ ניגונדל באַהאַלטן. |
| Gis mir on, mayn tayere,<br>A glezele mit yayin!<br>Far ale mayne libe<br>Vel ikh oystrinken lekhayim! | גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,<br>אַ גלעזעלע מיט יין!<br>פֿאַר אַלע מײַנע ליבע<br>וועל איך אויסטרינקען לחיים! |
| Gehert hob ikh dertseyln--<br>Un s'iz mistam keyn lign,<br>Az in der tsveyter koyse<br>Ligt dem zeydns nign. | געהערט האָב איך דערציילן--<br>און ס'איז מסתּם קיין ליגן,<br>אַז אין דער צווייטע כּוסע<br>ליגט דעם זיידנס ניגון. |
| Gis mir on, mayn tayere,<br>Dem same bestn yayin,<br>Lomir take far dem nign<br>Oystrinken lekhayim! | גיס מיר אָן, מײַן טײַערע,<br>דעם סאַמע בעסטע יין,<br>לאָמיר טאַקע פֿאַר דעם ניגון,<br>אויסטרינקען לחיים! |
| Gehert hob ikh dertseyln,<br>Az dortn muz er lign--<br>Az oyfn dno fun dritn kos--<br>Der nign-she-benign | געהערט האָב איך דערציילן,<br>און דאָרטן מוז ער ליגן,<br>אַז אויפֿן דנאָ פֿון דריטן כּוס-<br>דער ניגון שבניגון. |

Pour me a goblet of wine, my dear. I'll drink a toast to your good health. I've heard people say that my grandfather himself hid a little tune in the old wine. Pour me, my dear, a glass of wine. I'll drink a toast to all my dear ones. I've heard people say, and it's probably true, that grandfather's tune is to be found in the second cup. Pour me, my dear, from the very best wine. Let's drink a toast to that tune. I've heard people say that it must be there, at the bottom of the third cup, the tune to end all tunes.

## DER FILOSOF

## דער פֿילאָסאָף

### The Philosopher

This humorous song (originally titled *Dos gute Kepl*) by Velvl Zbarzher (1826(?)-1883) is a satire upon the alleged miracles performed by the Hassidic rabbis. The song was first heard during the Haskalah period in Eastern Europe, when satirizing fanatic beliefs was in vogue. Many singers today erroneously interpret this song literally, as one that expresses the wonders of the rabbis. The song was later parodied during the 1905 revolutionary period to "go to the working man and learn wisdom from him."

Kum aher, du filosof,
Mit dayn ketsishn moykhl,
Oy, kum aher tsum rebns tish
Un lern zikh do seykhl.

**REFRAIN:**
Bim-ba-bam. . .

A damfshif hostu oysgetrakht
Un nemst dermit zikh iber;
Der rebe shpreyt zayn tikhl oys
Un shpant dem yam ariber.

An ayznban hostu oysgeklert,
Un meynst du bist a khorets;
Der rebe shpet, der rebe lakht,
Er darf dos oyf kapores.

Tsi veystu den, vos der rebe tut
Beys er zitst bekhides? –
In eyn minut in himl flit
Un pravet dort shalesh sudes.

קום אַהער, דו פֿילאָסאָף,
מיט דײַן קעצישן מוחל,
קום אַהער צום רבינס טיש
און לערן זיך דאָ שׂכל.

רעפֿריין: בים־באַ־באַם . . .

אַ דאַמפֿשיף האָסטו אויסגעטראַכט
און נעמסט דערמיט זיך איבער;
דער רבי שפּרייט זײַן טיכל אויס
און שפּאַנט דעם ים אַריבער.

אַן אײַזנבאַן האָסטו אויסגעקלערט,
און מיינסט דו ביסט אַ חרוץ;
דער רבי שפּעט, דער רבי לאַכט,
ער דאַרף דאָס אויף כּפּרות.

צי ווייסטו דען, וואָס דער רבי טוט
בעת ער זיצט ביחידות? —
אין איין מינוט אין הימל פֿליט,
און פּראַוועט דאָרט שלוש סעודות.

Come here, my philosopher, with your cat's brains; come to the rabbis' table and learn real wisdom. You invented a steamboat and take pride in that; but the rabbi spreads his kerchief and crosses the water. You dreamed up a dirigible and think you're so clever? but the rabbi laughs and sneers at you, for he has no need of it. In one minute he can fly up to heaven and eat his Sabbath meal there.

## DER REBE ELIMEYLEKH — דער רבי אלימלך

### Rabbi Elimeylekh

A Yiddish version of the English song, *Old King Cole*. Poem and music by Moshe Nadir (1885-1943). One folklorized version was published anonymously by S. Bastomski in 1923. The text and music were published by M. Nadir in 1927, as well as in the author's book *A Lomp Oyfn Fentster* in 1929.

The last stanza of the original text reads: "Er hot geton a gutn genets / Un gezogt: me darf shoyn meyn nit! / Un geshikt di kapelye aheym. Di shikere kapelye fun Rebn Meylekh-Elye, / Hot oysgeshtelt dem dales a fayg. / Di freylekhe kapelye hot gehopket biz der stelye / Un zikh farbitn mit di klaper-getsayg."

Di fidldike poyker hobn tsimbldik gefidlt, / Un bronfndik gegosn zikh mit vayn. / Di lustike klezmorim mit flesher untern orem, / Hobn gehulyet bizn heln tog arayn." (He yawned, said it was enough, and sent his musicians home. The drunken band of Rabbi Meylekh-Elye danced and cavorted merrily, exchanging instruments. They caroused until dawn.)

Az der Rebe Elimeylekh
Iz gevorn zeyer freylekh,
Is gevorn zeyer freylekh, Elimeylekh,
Hot er oysgeton di tfiln
Un hot ongeton di briln
Un geshikt nokh di fidlers di tsvey.

אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן זייער פֿריילעך,
איז געוואָרן זייער פֿריילעך אלימלך,
האָט ער אויסגעטאָן די תּפֿילין
און האָט אָנגעטאָן די ברילן
און געשיקט נאָך די פֿידלערס די צוויי.

Un di fidldike fidlers
Hobn fidldik gefidlt,
Hobn fidldik gefidlt, hobn zey.

און די פֿידלדיקע פֿידלערס
האָבן פֿידלדיק געפֿידלט,
האָבן פֿידלדיק געפֿידלט, האָבן זיי.

Un az der Rebe Elimeylekh
Iz gevorn nokh mer freylekh,
Iz gevorn nokh mer freylekh, Elimeylekh.
Hot er opgemakht havdole
Mitn shames Reb Naftole
Un geshikt nokh di payklers di tsvey.

און אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן נאָך מער פֿריילעך,
איז געוואָרן נאָך מער פֿריילעך אלימלך,
האָט ער אָפּגעמאַכט הבֿדלה
מיטן שמש ר׳ נפֿתּלי
און געשיקט נאָך די פּײַקלערס די צוויי.

Un di paykldike payklers
Hobn paykldik gepayklt,
Hobn paykldik gepayklt, hobn zey.

און די פּײַקלדיקע פּײַקלערס
האָבן פּײַקלדיק געפּײַקלט,
האָבן פּײַקלדיק געפּײַקלט, האָבן זיי.

Un az der Rebe Elimeylekh
Iz gevorn gor shtark freylekh,
Iz gevorn gor shtark freylekh, Elimeylekh.
Hot er oysgeton dos kitl
Un hot ongeton dos hitl,
Un geshikt nokh di tsimblers di tsvey.

און אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן גאָר שטאַרק פֿריילעך,
איז געוואָרן גאָר שטאַרק פֿריילעך אלימלך.
האָט ער אויסגעטאָן דאָס קיטל
און האָט אָנגעטאָן דאָס היטל
און געשיקט נאָך די צימבלערס די צוויי.

Un di tsimbldike tsimblers
Hobn tsimbldik getsimblt
Hobn tsimbldik getsimblt, hobn zey.

און די צימבלדיקע צימבלערס
האָבן צימבלדיק געצימבלט,
האָבן צימבלדיק געצימבלט האָבן זיי.

When Rabbi Elimeylekh was merry, he took off his phylacteries, put on his glasses, and summoned his two fiddlers. When he grew merrier, he took off his robe, donned his cap and summoned his two cymbalists. And when Rabbi Elimeylekh became ecstatic, he recited his Sabbath prayer and summoned his two drummers.

**Di Bekhers Mit Vayn** (The Goblets of Wine)

Lyrics: Hirsh Bloshtein Music: Polina Shepherd

Khaveyrim, heybt hekher di bekhers mit vayn,
Zol lebn di libshaft, gezunt zol zi zayn.
Di libshaft fun yokhed tsum yokhed - dem mentsh,
Di frayndshaft fun felker zol zayn undz gebentsht.

*Refrain*
Mir zaynen ale ot do af der erd
Vayl s'hot undz a libshaft, a groyse bagert,
Vos blonzhet in harts
Vi farborgene shayn,
Biz s'gist zikh in eybikn nign arayn.

Der velt iz in gantsn af libshaft geshtelt,
Der gortn, der vald un dos veytsene feld,
Zey shteyen in grins, un in bloy un in gold.
Der far nor? Der far vos di zun hot zey holt.

Es vert bloyz durkh libshaft dos lebn gemert,
Iz zol zi gebentsht zayn, di muter di erd,
Di muter – di zun un di muter – di froy!
Dos lebn on libshaft iz kalt un iz groy.

Friends, raise your glasses of wine.
Long live love in good health.
Let us be blessed
With friendship between peoples.

*Refrain*
We are all on this earth
Because we have a great love
That wanders lost in our hearts
Like a hidden light
Until it bursts out into an eternal melody.

The world is based entirely on love,
The garden, the forest, and the wheat fields.
They stand in green, in blue, in gold.
Why? Because the sun loves them.

Life grows only through love.
Bless my mother--the earth,
My mother—the sun and
My mother—the woman!
Life without love is cold and gray.

## DI GRINE KUZINE

## די גרינע קוזינע

### My Green Cousin

This song (text by J. Leiserowitz, music, A. Schwartz) was one of the most popular songs of immigrant life in America. This version was published by Chane Mlotek in 1954.

Es iz tsu mir gekumen a kuzine
Sheyn vi gold iz zi geven, di grine,
Di bekelekh vi royte pomerantsn,
Fiselekh vos betn zikh tsum tantsn.

Nit gegangen iz zi — nor geshprungen,
Nit geredt hot zi, nor gezungen;
Freylekh, lustik iz geven ir mine.
Ot aza geven iz mayn kuzine.

Ikh bin arayn tsu mayn "nekst-dorke"
Vos zi hot a "milineri-storke",
A "dzhab" gekrogn hob ikh far mayn kuzine—
Az lebn zol di goldene medine!

Avek zaynen fun demolt on shoyn yorn,
Fun mayn kuzine iz a tel gevorn;
"Peydes" yorn lang hot zi geklibn,
Biz fun ir aleyn iz nisht geblibn.

Unter ire bloye sheyne oygn
Shvartse pasn hobn zikh fartsoygn;
Di bekelekh, di royte pomerantsn,
Hobn zikh shoyn oysgegrint in gantsn.

Haynt, az ikh bagegn mayn kuzine
Un ikh freg zi: Vos zhe makhstu, grine?
Entfert zi mir mit a krumer mine:
— Az brenen zol Kolombuses medine!

עס איז צו מיר געקומען אַ קוזינע
שיין ווי גאָלד איז זי געווען, די גרינע,
די בעקעלעך ווי רויטע פּאָמעראַנצן,
פֿיסעלעך וואָס בעטן זיך צום טאַנצן.

ניט געגאַנגען איז זי — נאָר געשפּרונגען,
ניט גערעדט האָט זי, נאָר געזונגען,
פֿריילעך, לוסטיק איז געווען איר מינע,
אָט אַזאַ געווען איז מײַן קוזינע.

איך בין אַרײַן צו מײַן „נעקסט־דאָרקע"
וואָס זי האָט אַ „מילינערי־סטאָרקע",
אַ „דזשאַב" געקראָגן האָב איך פֿאַר מײַן קוזינע,
אַז לעבן זאָל די גאָלדענע מדינה!

אַוועק זײַנען פֿון דעמאָלט אָן שוין יאָרן,
פֿון מײַן קוזינע איז אַ תּל געוואָרן,
„פּיידעס" יאָרן לאַנג האָט זי געקליבן,
ביז פֿון איר אַליין איז נישט געבליבן.

אונטער אירע בלויע שיינע אויגן
שוואַרצע פּאַסן האָבן זיך פֿאַרצויגן,
די בעקעלעך, די רויטע פּאָמעראַנצן,
האָבן זיך שוין אויסגעגרינט אין גאַנצן.

הײַנט, אַז איך באַגעגן מײַן קוזינע
און איך פֿרעג זי: — וואָס זשע מאַכסטו, גרינע?
ענטפֿערט זי מיר מיט אַ קרומער מינע:
— אַז ברענען זאָל קאָלאָמבוסעס מדינה!

A pretty cousin came to me. Her cheeks were like red oranges, her feet just begging for a dance, her air was gay and lively. This is how my cousin looked when she was still "green." Praised be the golden land! Many years passed and my cousin became worn-out at her job. Below her pretty blue eyes she now has black lines. And her cheeks, once like red oranges, have lost their glow. Today when I meet my cousin and ask: "How are you, green one?" she answers: "May the blazes take Columbus' land!"

DI GRINEH KUZINE by Hyman Prizant and Abe Schwartz
Copyright © 1922 by Joneil Music Co., Carlstadt, N.J. 07072
Copyright Renewed International Copyright Secured
All Rights Reserved Used by Permission

# Di mizinke oysgegebn



Words and Music by: M. M. Warshavsky

Shtarker, freylekh,
Du, di malke, ikh der meylekh.
Oy, oy, ikh aleyn
Hob mit mayne oygen gezen
Vi Got hot mikh matsliekh geven,
Di mizinke oysgegebn,
Di mizinke oysgegebn.

Ayzik mazik,
Di bobe geyt a kozik,
Kayn a'hore, zet nor zet,
Vi zi tupet, vi zi tret,
Oy, a simkhe, oy, a freyd,
Di mizinke oysgegebn,
Di mizinke oysgegebn.

Motl, Shimen,
Oreme layt zaynen gekumen,
Greyt far zey dem shenstn tish,
Tayere vaynen, tayere fish,
Oy, mayn tokhter, gib mir a kush,
Di mizinke oysgegebn,
Di mizinke oysgegebn.

Itzik, shpitzik,
Vos shvaygstu mitn shmitzik?
Oyf di klezmer tu a geshrey:
Tsi shpiln zey, tsi shlofn zey?
Rayst di strunes ale oyf tsvey,
Di mizinke oysgegebn,
Di mizinke oysgegebn.

Shtarker... beser...!
Di rod, di rod makht greser.
Groys hot mikh Got gemakht,
Glik hot er mir gebrakht.
Hulyet, kinder, a gantse nakht.
Di mizinke oysgegebn,
Di mizinke oysgegebn.

Faster, louder,
No royal pair is prouder.
Oh, oh, how glad I've been;
With my own two eyes what I have seen—
How gracious to us God has been:
The youngest one we've married,
Our youngest daughter married!

Isaac Mazik,
Watch Granny dance the Cossak!*
Let no harm befall her dance;
Watch her footwork, see her prance!
She is happy as in a trance—
The youngest one we've married,
Our youngest daughter married!

Motel, Shimen,
For the poor folk set the table
As nicely as you're able—
Finest fish and precious wine!
Kiss your father, daughter mine!
The youngest one we've married,
Our youngest daughter married!

Itsik . . . Shpitsik
Why don't you wield your shmitsik*
Rouse your players to their task!
Is their sleepiness a mask?*
Snap the strings with fiddling fast!
The youngest one we've married,
Our youngest daughter married!

Louder, brighter!
Spread the circle wider!
God has made me very proud;
Great happiness he has bestowed—
Let the night with joy be loud!
The youngest one we've married,
The youngest daughter married!

* Cossak — a dance of Cossak origin
* Shmitsik — bow of the violin
* In original: Are they playing or sleeping?

(Translated by Henry Goodman)

## DIRE-GELT

## דירה־געלט

# Rent

Folk song, published in 1912 by Y.L. Cahan. Paying rent and the threat of eviction were always problems, as this song testifies.

**CHORUS:**
Dire-gelt un oy-oy-oy!
Dire-gelt un bozhe moy!
Dire-gelt un gradavoy,
Dire-gelt muz men tsoln!

Kumt arayn der balebos,
Mit dem grobn shtekn;
Un az me git im keyn dire-gelt,
Shtelt er aroys di betn.

Kumt arayn der struzh,
Nemt er arop dos hitl;
Un az me tsolt keyn dire-gelt,
Hengt er aroys a kvitl.

— Far vos zol ikh aykh gebn dire-gelt
Az di kikh iz tsebrokhn?
Far vos zol ikh aykh gebn dire-gelt
Az ikh hob nisht oyf vos tsu kokhn?

*Bozhe moy = my God*
*Gradavoy = policeman*

רעפריין:
דירה־געלט און אוי־אוי־אוי!
דירה־געלט און באזשע־מוי!
דירה־געלט און גראדאוווי,
דירה־געלט מוז מען צאלן!

קומט ארײַן דער באלעבאס,
מיט דעם גראבן שטעקן;
און אז מע גיט אים קיין דירה־געלט,
שטעלט ער ארויס די בעטן.

קומט ארײַן דער סטרוזש,
נעמט ער אראפ דאס היטל;
און אז מע צאלט קיין דירה־געלט,
הענגט ער ארויס א קוויטל.

— פֿאר וואס זאל איך אײַך געבן דירה־געלט
אז די קיך איז צעבראכן?
פֿאר וואס זאל איך אײַך געבן דירה־געלט
אז איך האב נישט אויף וואס צו קאכן?

Rent, my God, we have to pay the rent! The landlord comes with his cane: If we don't pay the rent, he takes away our beds. The janitor comes and doffs his hat: If we don't pay the rent, he hangs out an eviction notice. "Why should we pay you rent, when the stove is broken and we have nothing to cook on?"

**DI SAPOZHKELEKH**

# די סאַפּאָזשקעלעך

## Little Boots

Folksong collected by Michael Alpert from the Russian emigre Bronya Sakina (born in Olvanisk, southern Ukraine) and popularized at the Klezkamp Folk Arts Program in 1985. Certain lines have parallels in other folksongs, like *Oy, Abram:* "Ikh on dir un du on mir, / Vi a klyamke on a tir" (I without you and you without me are like a doorknob without a door); and *Zog nor du sheyn meydele:* "Abi mit dir in eynem zayn" (As long as *I* can be together with you). The song was sung by Eleanor Reissa in the Broadway show *Those Were the Days*. It was made popular by Adrienne Cooper and Joanne Borts.

Farkoyfn di sapozhkelekh
Un forn oyf di droshkelekh,
Abi mit dir in eynem tsu zayn.
Oy, ikh on dir un du on mir
Vi a klyamke on a tir,
Ketsele, feygele mayn.

Oy, forn oyf di vokzalekhlekh
Un farkoyfn fremde shalekhlekh,
Abi mit dir in eynem tsu zayn.
Oy, ikh on dir un du on mir
Vi a klyamke on a tir.
Ketsele, feygele mayn.

Oy, esn on a tishele,
Un shlofn on a kishele,
Abi mit dir in eynem tsu zayn.
Oy, ikh on dir un du on mir
Vi a klyamke on a tir,
Ketsele, feygele mayn.

Oy, shlofn oyf di vokzalekhlekh
Un vashn fremde polekhlekh. . .
Abi mit dir in eynem tsu zayn.
Oy, ikh on dir un du on mir
Vi a klyamke on a tir,
Ketsele, feygele mayn.

פֿאַרקויפֿן די סאַפּאָזשקעלעך,
און פֿאָרן אויף די דראָשקעלעך,
אַבי מיט דיר אין איינעם צו זײַן.
אוי, איך אָן דיר און דו אָן מיר
ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר,
קעצעלע, פֿייגעלע מײַן.

אוי, פֿאָרן אויף די וואָקזאַלעכלעך
און פֿאַרקויפֿן פֿרעמדע שאַלעכלעך,
אַבי מיט דיר אין איינעם צו זײַן.
אוי, איך אָן דיר און דו אָן מיר
ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר,
קעצעלע, פֿייגעלע מײַן.

אוי, עסן אָן אַ טישעלע,
און שלאָפֿן אָן אַ קישעלע,
אַבי מיט דיר אין איינעם צו זײַן,
אוי, איך אָן דיר און דו אָן מיר
ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר,
קעצעלע, פֿייגעלע מײַן.

אוי, שלאָפֿן אויף די וואָקזאַלעכלעך
און וואַשן פֿרעמדע פּאָלעכלעך. . .
אַבי מיט דיר אין איינעם צו זײַן.
אוי, איך אָן דיר און דו אָן מיר
ווי אַ קליאַמקע אָן אַ טיר,
קעצעלע, פֿייגעלע מײַן.

I'll sell my boots and ride on wagons, just so I can be together with you.

Oh, I without you and you without me are like a doorknob without a door. My kitten, my little bird.

Oh, I'll go to railroad stations and sell scarves to strangers, just so I can be together with you.

Oh, I'll eat without a table and sleep without a pillow, just so I can be together with you.

Oh, I'll sleep in railroad stations and wash the floors of strangers, just so I can be together with you.

# The Future

Words by Morris Winchefsky (1856–1932), pen name of Lipe Bentsion Novochovitch. The song is sung in a recent play *A sheyne meydl* (A Pretty Girl), dealing with the Holocaust, which was presented at numerous colleges. At the end of a TV retrospective on the work of artist Yosl Bergner, he plays this melody on his harmonica.

O, di velt vet vern yinger,
Un dos lebn laykhter, gringer,
Yeder kloger vet a zinger
Vern, brider, bald!
Loz dos folk nor vern kliger,
Un faryogn dem batriger,
Im, dem fuks, un oykh dem tiger
Fun zayn sheynem vald.

O, di velt vet vern shener,
Libe greser, sine klener,
Tsvishn froyen, tsvishn mener,
Tsvishn land un land;
O, di velt vet vern frayer,
Frayer, shener, yinger, nayer,
Un in ir di varhayt tayer,
Tayer vi a fraynd.

O, di velt vet vern dreyster
Un es vet nit zayn a mayster,
Nit di kroyn un nit der tayster, -
Nit dem zelners shverd.
Alzo mutik in di reyen,
In di reyen, tsu bafrayen,
Tsu bafrayen un banayen
Undzer alte velt!

אָ, די וועלט וועט ווערן ייִנגער,
און דאָס לעבן לײַכטער, גרינגער,
יעדער קלאָגער וועט אַ זינגער
ווערן, ברידער, באַלד!
לאָז דאָס פֿאָלק נאָר ווערן קליגער,
און פֿאַריאָגן דעם באַטריגער,
אים, דעם פֿוקס, און אויך דעם טיגער
פֿון זײַן שיינעם וואַלד.

אָ, די וועלט וועט ווערן שענער,
ליבע גרעסער, שׂינאה קלענער,
צווישן פֿרויען, צווישן מענער,
צווישן לאַנד און לאַנד;
אָ, די וועלט וועט ווערן פֿרײַער,
פֿרײַער, שענער, ייִנגער, נײַער,
און אין איר די וואַרהײַט טײַער,
טײַער ווי אַ פֿרײַנד.

אָ, די וועלט וועט ווערן דרייסטער
און עס וועט ניט זײַן אַ מײַסטער,
ניט די קרוין און ניט דער טײַסטער, -
ניט דעם זעלנערס שווערד.
אַלזאָ מוטיק אין די רייען,
אין די רייען, צו באַפֿרײַען,
צו באַפֿרײַען און באַנײַען
אונדזער אַלטע וועלט!

---

O the world will grow younger, and life will be easier. Every complainer will become a singer soon, brothers! Only let the people become wiser and chase away the traitor; the fox and the tiger too from their beautiful forest.

O the world will become more beautiful. Love will grow greater, hatred less between wives and husbands, between countries. O, the world will become freer, more just, younger, newer. And in it the truth will be valued, valued as a friend.

O the world will get bolder and there will be no master. Not the crown nor the purse, nor the soldier's sword. So let's have courage in the ranks to free our old world!

**DONA, DONA**

# דאָנאַ, דאָנאַ

## Dona, Dona

Words by Aaron Zeitlin (1889-1973); music by Sholom Secunda (1894-1974). Published in sheet music by Metro Music Co., N.Y., 1943.

Originally entitled *"Dana, dana, dana,"* the song was written for Zeitlin's play *Esterke*, produced by Maurice Schwartz in 1940-1, and printed in the program. It became one of the most widely sung Yiddish songs and was performed in Yiddish and English translation by Theodore Bikel, Joan Baez and others. Translations have also appeared in German and Korean.

In some collections, beginning with Ben Yomen's (1946), the words are erroneously attributed to Yitskhok Katzenelson, Hebrew-Yiddish poet active in the Warsaw Ghetto underground. In a recent record produced in Germany, not only is the song attributed to Katzenelson, it is also interpreted as having been written in the Ghetto to express Jews' longing for freedom.

Oyfn furl ligt dos kelbl,
Ligt gebundn mit a shtrik,
Hoykh in himl flit dos shvelbl,
Freyt zikh, dreyt zikh hin un krik.

**Refrain:**
Lakht der vint in korn,
Lakht un lakht un lakht,
Lakht er op a tog a gantsn
Mit a halber nakht.
Dona, dona, dona...

Shrayt dos kelbl, zogt der poyer:
Ver zhe heyst dikh zayn a kalb?
Volst gekert tsu zayn a foygl,
Volst gekert tsu zayn a shvalb.

Bidne kelber tut men bindn
Un men shlept zey un men shekht,
Ver s'hot fligl, flit aroyftsu,
Iz bay keynem nit keyn knekht.

אויפֿן פֿורל ליגט דאָס קעלבל,
ליגט געבונדן מיט אַ שטריק,
הויך אין הימל פֿליט דאָס שוועלבל,
פֿרייט זיך, דרייט זיך הין און קריק.

רעפֿריין:
לאַכט דער ווינט אין קאָרן,
לאַכט און לאַכט און לאַכט,
לאַכט ער אָפּ אַ טאָג אַ גאַנצן
מיט אַ האַלבער נאַכט.

דאָנאַ, דאָנאַ, דאָנאַ...

שרײַט דאָס קעלבל, זאָגט דער פּויער:
ווער זשע הייסט דיך זײַן אַ קאַלב?
וואָלסט געקערט צו זײַן אַ פֿויגל,
וואָלסט געקערט צו זײַן אַ שוואַלב.

בידנע קעלבער טוט מען בינדן
און מען שלעפּט זיי און מען שעכט,
ווער ס'האָט פֿליגל, פֿליט אַרויפֿצו,
איז בײַ קיינעם ניט קיין קנעכט.

In a wagon lies a calf; it is tied with a rope. High in the sky a swallow soars, is joyous and runs back and forth. The wind laughs in the cornfield, laughs and laughs and laughs. It laughs a whole day and half the night. *Dona, Dona, Dona...*

The calf cries and the farmer says: Who told you to be a calf? You could have been a bird, you could have been a swallow.

Poor calves are bound and dragged and slaughtered. Whoever has wings flies high and is no one's slave.

*Used by permission of the copyright owners, Ethnic Music Publishing Co., Inc.*

# DOS LID FUN BROYT

# דאָס ליד פֿון ברויט

## Song of the Colonists

Text and music by M.M. Warshawsky (see note to *Oyfn Pripetshik*, page 2), which he dedicated to the Jewish colonists. In the 1905 revolutionary period, the first stanza was parodied: "Sisters, brothers, we sing songs about ourselves."

Groyser got! mir zingen lider —
Undzer hilf bistu aleyn;
Nemt tsunoyf di snopes, brider,
Biz di zun vet untergeyn.

Zol di zun undz brien, brotn,
Zi hot undz geshaynt tsum glik;
Zet dos broyt iz undz gerotn,
Kinder, keyn mol nit tsurik.

Zoln undzere kinder visn
Fun a lebn oyf der velt,
Az dos broyt, un yeder bisn
Iz fun undzer eygn feld.

גרויסער גאָט! מיר זינגען לידער —
אונדזער הילף ביסטו אַליין;
נעמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין.

זאָל די זון אונדז בריִען, בראָטן,
זי האָט אונדז געשײַנט צום גליק;
זעט דאָס ברויט איז אונדז געראָטן,
קינדער, קיין מאָל ניט צוריק.

זאָלן אונדזערע קינדער וויסן
פֿון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יעדער ביסן
איז פֿון אונדזער אייגן פֿעלד.

Great Lord, we sing our hymns—you alone can bring us help. Gather together the sheaves of wheat, brothers, ere the sun sets. Tell our children that the bread we eat and all our food came from our own fields.

Moderate tempo



**DOS NAYE LID** **דאָס נײַע ליד**

# The New Song

Words by Abraham Reisen (1875–1953), composer unknown. Published with this melody in *Di fraye muze,* 1918 and *Binishe lider.* 1932. The song was popular in the Yiddish schools in this country and was sung annually at the traditional Third Seyder of the Workmen's Circle. It was also sung during the Holocaust. Poet Abraham Sutzkever writes that he heard the children of I. Gershteyn's chorus singing this song in the Vilna Ghetto: "[Gershteyn] brought the children closer, arranged them according to their voices, and over the garret, over the ghetto, over the whole world rang out 'Un zol vi vayt'. . ." Another melody by J. S. Roskin, printed in Hasomir's *Sangbog* was arranged for chorus by Zavel Zilberts.

Un zol vi vayt nokh zayn di tsayt
Fun libe un fun sholem,
Dokh kumen vet, tsi fri, tsi shpet,
Di tsayt—es iz keyn kholem!

Ikh her dos lid fun libe, frid,
Di mekhtike gezangen;
Un yeder ton fun lid zogt on:
Di zun iz oyfgegangen!

Es ekt di nakht, di velt dervakht
Ful hofnung, lust un shtrebn.
Du herst—in luft a shtime ruft:
Tsu glik un freyd un lebn!. . .

און זאָל ווי ווײַט נאָך זײַן די צײַט
פֿון ליבע און פֿון שלום,
דאָך קומען וועט, צי פֿרי, צי שפּעט,
די צײַט - עס איז קיין חלום.

איך הער דאָס ליד פֿון ליבע, פֿריד,
די מעכטיקע געזאַנגען;
און יעדער טאָן פֿון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפֿגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט, די וועלט דערוואַכט
פֿול האָפֿנונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט - אין לופֿט אַ שטימע רופֿט
צו גליק און פֿרייד און לעבן!

No matter how far away the time of love and peace, still it will come, whether soon or late, that time, it's no dream!

I hear the song of love and peace, the mighty singing. And every note of the song asserts: the sun has risen!

The night is ending, the world is awakening with hope and joy and striving.

You hear—in the air a voice calls to happiness, to joy, to life.



## Eyn Kol

*Yiddish lyrics by Linda Gritz, based on "One Voice" by Ruth Moody of the Wailin' Jennys*
*Tradapted in Daniel Kahn's "Songsmithery" workshop at KlezKanada, August 2016*

Ot iz der klang fun eyn kol,
Eyn gayst, eyn kol,
Mit viderklangen oyf barg un tol.
Ot iz der klang fun eyn kol. (2x)

Ot iz der klang fun keler tsvey,
In harmonye mit a solovey,
In der khevruse, nito keyn vey.
Ot iz der klang fun keler tsvey. (2x)

Ot iz der klang fun keler dray,
Zingen tsuzamen frank un fray,
In a land fun yoysher, halevay.
Ot iz der klang fun keler dray. (2x)

Ot iz der klang fun alemen,
Ale in eynem, ful mit bren,
Eyder vos un eyder ven.
Ot iz der klang fun alemen. (2x)

Ot iz der klang fun eyn kol,
Eyn folk, eyn kol,
Nekhtn, haynt un alemol.
Ot iz der klang fun eyn kol. (2x)

This is the sound of one voice,
One spirit, one voice,
Echoing on mountains and valleys.
This is the sound of one voice.

This is the sound of voices two
In harmony with a nightingale.
In our duo, there is no woe.
This is the sound of voices two.

This is the sound of voices three,
Singing together, free as birds,
In a land of justice, may it be.
This is the sound of voices three.

This is the sound of everyone,
All united, full of fire,
No matter what, no matter when.
This is the sound of everyone.

This is the sound of one voice,
One people, one voice,
Yesterday, today, and always.
This is the sound of one voice.

## Harbstlid

## האַרבסטליד

by Beyle Schaechter-Gottesman

Ze, s'iz harbst
Un vos gegrint fargelt, farvyanet.
Ze, s'iz harbst
Un vos geblit fargeyt...
Un ikh, vos kh'hob gemeynt s'iz shtendik friling
Un kh'halt in hant
Di gantse eybikeyt.

Oho, falndike bleter!
Oho, fliyendike teg!
Oho, vi vel ikh itstert blondzen,
Ven s'ligt gedikhter nepl af mayn veg...

Kraken feygl
Zogn troyerik: "Zay gezunt dir!"
Krekhtst in fentster
Un se klogt der vint:
"O, vi volt ikh itst avek fun danen
Tsun a breg
Vu nokh der friling grint..."

Oho, falndike...

Flit der regn --
A galop af vildn ferdl.
Roymt mir ayn a sod: er hot mikh holt.
"Tsu vos zhe darfstu vartn afn friling,
Az s'hot der osyen fule koyshns gold."

Oho, falndike bleter...

זע, ס'איז האַרבסט
און וואָס געגרינט פֿאַרגעלט, פֿאַרוויאַנעט.
זע, ס'איז האַרבסט
און וואָס געבליט פֿאַרגייט...
און איך, וואָס כ'האָב געמיינט ס'איז שטענדיק פֿרילינג
און כ'האַלט אין האַנט
די גאַנצע אייביקייט.

אָהאָ, פֿאַלנדיקע בלעטער!
אָהאָ, פֿליִענדיקע טעג!
אָהאָ, ווי וועל איך איצטערט בלאָנדזשען,
ווען ס'ליגט געדיכטער נעפּל אויף מײַן וועג...

קראַקען פֿייגל
זאָגן טרויעריק: „זײַ געזונט דיר!"
קרעכצט אין פֿענצטער
און סע קלאָגט דער ווינט:
„אָ, ווי וואָלט איך איצט אַוועק פֿון דאַנען
צון אַ ברעג
ווו נאָך דער פֿרילינג גרינט..."

אָהאָ, פֿאַלנדיקע...

פֿליט דער רעגן --
אַ גאַלאָפּ אויף ווילדן פֿערדל.
רוימט מיר איַין אַ סוד: ער האָט מיך האָלט.
„צו וואָס זשע דאַרפֿסטו וואַרטן אויפֿן פֿרילינג,
אַז ס'האָט דער אָסיען פֿולע קוישנס גאָלד."

אָהאָ, פֿאַלנדיקע...

---

See, it's fall --
And all that greened has yellowed, withered.
See, it's fall --
And all that bloomed is gone...
And I who thought that spring would last forever,
And in my hand I hold
Eternity.

Oho, falling leaves!
Oho, flying days!
Oho, how will I wander now,
When thick fog settles on my way...

Sadly cawing birds
Say: "Good-bye!"
At the window
The moaning, wailing wind:
"I wish that I could get away from here
To a shore
Where there is still green spring..."

Oho, falling leaves!
Oho, flying days!
Oho, how will I wander now,
When thick fog settles on my way...

Driving rain
Gallops on a wild horse,
Whispers secret love into my ear:
"Why do you need to wait for springtime,
When autumn offers baskets full of gold?"

# We All Want Peace / Haveynu Sholem Aleykhem




## הביאנו שלום עליכם

Yiddish Words: M. Birnbaum

יידישער טעקסט : מ. בירנבוים

Haveynu sholem aleykhem,
Haveynu sholem aleykhem,
Haveynu sholem aleykhem,
Haveynu sholem, sholem,
sholem aleykhem.

Mir viln ale nor sholem,
Mir benken ale nokh sholem,
Mir zingen ale far sholem,
Mir rufn sholem, sholem,
Sholem oyf der velt.

Ale shtet, ale gasn,
Ale felker, ale masn,
Ale farbn, ale rasn,
Mir rufn sholem, sholem,
Sholem oyf der velt.

Mir viln frayhayt far ale,
Mir viln glaykhayt far ale,
Mir viln brider shvester zayn ale,
Mir rufn sholem, sholem,
Sholem oyf der velt.

Haveynu sholem aleykhem,
Haveynu sholem aleykhem,
Haveynu sholem aleykhem.
Haveynu sholem. sholem.
sholem aleykhem.

הביאנו שלום עליכם,
הביאנו שלום עליכם,
הביאנו שלום עליכם,
הביאנו שלום, שלום, שלום עליכם.

מיר ווילן אַלע נאָר שלום,
מיר בענקען אַלע נאָך שלום,
מיר זינגען אַלע פֿאַר שלום,
מיר רופֿן שלום, שלום,
שלום אויף דער וועלט.

אַלע שטעט, אַלע גאַסן,
אַלע פֿעלקער, אַלע מאַסן,
אַלע פֿאַרבן, אַלע ראַסן,
מיר רופֿן שלום, שלום,
שלום אויף דער וועלט.

מיר ווילן פֿרייהייט פֿאַר אַלע,
מיר ווילן גלייכהייט פֿאַר אַלע,
מיר ווילן ברידער זיין אַלע,
מיר רופֿן שלום, שלום,
שלום אויף דער וועלט.

הביאנו שלום עליכם,
הביאנו שלום עליכם,
הביאנו שלום עליכם,
הביאנו שלום, שלום, שלום עליכם.

All of us want peace,
All of us yearn for peace,
All of us sing for peace,
We cry peace, peace,
Peace to all the world.

We want freedom for all,
We want equality for all,
We want all of us to be brothers,
We cry peace, peace,
Peace to all the world.

All cities, all streets,
All nations, all peoples,
All colors, all races,
We cry peace, peace,
Peace to all the world.

All of us want peace,
All of us yearn for peace,
All of us sing for peace,
We cry peace, peace,
Peace to all the world.



This is a song and a prayer.
May there be peace everywhere.
May there be joy for all to share
and may we live and love and lead a happy life!

# Hob ich a por oksn




1 Hob ich a por oksn, oksn
Vos zey brokn lokshn, lokshn,
Ay, vunder iber vunder,
Vi di oksn brokn lokshn,
Dos iz mir a vunder, dos iz mir a vunder.

2 Hob ich a por bern, bern,
Vos zey shtiber kern, kern.
Ay, vunder iber vunder,
Vi di bern shtiber kern,
Un di oksn brokn lokshn, *etc.*

3 Hob ich a por tsign, tsign,
Vos zey kinder vign, vign.
Ay, vunder iber vunder,
Vi di tsign kinder vign,
Un di bern shtiber kern, *etc.*

4 Hob ich a por hint, hint,
Vos zey machn tint, tint.
Ay, vunder iber vunder,
Vi di hint machn tint,
Un di tsign kinder vign, *etc.*

5 Hob ich a por hener, hener,
Vos zey klaybn shpener, shpener.
Ay, vunder iber vunder,
Vi di hener klaybn shpener,
Un di hint machn tint, *etc.*

6 Hob ich a por feygelech, feygelech,
Vos zey bakn beygelech, beygelech.
Ay, vunder iber vunder,
Vi di feygelech bakn beygelech,
Un di hener klaybn shpener,
Un di hint machn tint,
Un di tsign kinder vign,
Un di bern shtiber kern,
Un di oksn brokn lokshn,
Dos iz mir a vunder, dos iz mir a vunder.

1 I've a pair of poodles, poodles,
And they're chopping noodles, noodles.
Miracle of miracles!
See the poodles chopping noodles.
There's a miracle!

2 I've a pair of sables, sables,
And they're dusting tables, tables.
Miracle of miracles!
See the sables dusting tables,
See the poodles chopping noodles, *etc.*

3 I've a pair of kittens, kittens,
And they're knitting mittens, mittens.
Miracle of miracles!
See the kittens knitting mittens,
See the sables dusting tables, *etc.*

4 I've a pair of lynx, lynx,
And they're mixing inks, inks,
Miracle of miracles!
See the lynx mixing inks,
See the kittens knitting mittens, *etc.*

5 I've a pair of turtles, turtles,
And they're picking myrtles, myrtles.
Miracle of miracles!
See the turtles picking myrtles,
See the lynx mixing inks, *etc.*

6 I've a pair of moles, moles
And they're baking rolls, rolls,
Miracle of miracles!
See the moles baking rolls,
See the turtles picking myrtles,
See the lynx mixing inks,
See the kittens knitting mittens,
See the sables dusting tables,
See the poodles chopping noodles.
There's a miracle!

## HOF UN GLEYB

## האָף און גלייב

### Have Hope And Faith

Words by Yiddish writer Y. L. Peretz (1852-1915); music by Eliyohu Hirshin (1876-1960). Published in Warsaw in the *Ilustrirte vokh*, No. 16, April 25, 1924. The last lines, differ from Peretz's original which were: *"Es vet shaynen, shmekn, zingen,/ Un oyf undzer keyver oykh"* (there will be light, fragrance, singing — on our graves as well).

In his poem, *"Di lererin Mire"* (Mire, the teacher), Abraham Sutzkever describes how the song was sung in the Vilna Ghetto: *"Shoyn klingt es: 'Nit vayt is der friling.'/ Nor untn, di hek un bagnetn tsetreyslen di gruntn,/ Me shlept far di hor fun di kelers un lekher,/ 'Nit vayt is der friling' farklingt ober hekher."* (You can hear the words [of the children singing]: "Spring is not far off." But below hatchets and bayonets make the earth tremble. People are dragged by their hair from cellars and holes. 'Spring is not far off,' resounds even louder.")

Hof, hof, hof,
Nit vayt iz shoyn der friling.
Es veln shmeterlingen shpringen,
Naye nestn, naye feygl
Veln naye lider zingen.

Gleyb, di nakht iz shoyn farshvundn,
Un di volkns oykh tserunen,
Bloy vet zayn, vet zayn der himl,
Naye shtern, naye zunen.

Naye royzn, naye blumen
Veln blien, vaksn hoykh.
Es vet shaynen, shmekn, zingen,
Un in undzer vinkl oykh.

האָף, האָף, האָף,
ניט ווײַט איז שוין דער פֿרילינג.
עס וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען,
נײַע נעסטן, נײַע פֿייגל
וועלן נײַע לידער זינגען.

גלייב, די נאַכט איז שוין פֿאַרשווּנדן,
און די וואָלקנס אויך צערונען,
בלוי וועט זײַן, וועט זײַן דער הימל,
נײַע שטערן, נײַע זונען.

נײַע רויזן, נײַע בלומען
וועלן בליִען, וואַקסן הויך.
עס וועט שײַנען, שמעקן, זינגען,
און אין אונדזער ווינקל אויך.

Have hope. Spring is not far off. Butterflies will fly. New nests, new birds will sing new songs. Have faith. The night has already passed and the clouds have also dispersed. The sky will be blue with new stars and new suns. New roses, new flowers will bloom and grow tall. There will be light, fragrance and song in our lives as well.

**IKH UN DI VELT**

# איך און די וועלט

## The World and I

Poem by Abraham Reisen (1875–1953); melodies by Maurice Rauch (1910–1944) and Sidor Belarsky (1900–1975) are both presented.

Ven di gantse velt volt laydn,
Mir aleyn zol gut zayn bloyz,
Volt ikh dan di velt di gantse
Ayngeladn in mayn hoyz.

Ikh volt treystn zi un tsertlen
Un gezogt: Nit zorg zikh, velt!
Biz zi volt tsu zikh gekumen
Un zikh oyf di fis geshtelt.

Ven di velt geven volt gliklekh,
Ikh aleyn bloyz ful mit leyd,
Volt ikh dan tsu ir gekumen
Un gefodert: Gib mir freyd!

Ober az mir laydn beyde,
I di velt i ikh aleyn,
Hot di velt nit vu tsu kumen
Un ikh hob nit vu tsu geyn.

ווען די גאַנצע וועלט וואָלט לײַדן,
מיר אַליין זאָל גוט זײַן בלויז,
וואָלט איך דאַן די וועלט די גאַנצע
אײַנגעלאַדן אין מײַן הויז.

איך וואָלט טרייסטן זי און צערטלען
און געזאָגט: - ניט זאָרג זיך, וועלט!
ביז זי וואָלט צו זיך געקומען
און זיך אויף די פֿיס געשטעלט.

ווען די וועלט געווען וואָלט גליקלעך,
איך אַליין בלויז פֿול מיט לייד,
וואָלט דיך דאַן צו איר געקומען
און געפֿאָדערט: - גיב מיר פֿרייד!

אָבער אַז מיר לײַדן ביידע,
אי די וועלט אי איך אַליין,
האָט די וועלט ניט ווּ צו קומען
און איך האָב ניט ווּ צו גיין.

# MAYN RUE-PLATS

# מײַן רוע־פּלאַץ

## My Resting Place

Text by Morris Rosenfeld (1862-1923). (See note to *Mayn Yingele*, on page 148.)

Nit zukh mikh, vu di mirtn grinen!
Gefinst mikh dortn nit, mayn shats;
Vu lebns velkn bay mashinen,
Dortn iz mayn rue-plats.

Nit zukh mikh, vu di feygl zingen!
Gefinst mikh dortn nit, mayn shats;
A shklaf bin ikh, vu keytn klingen,
Dortn iz mayn rue-plats.

Nit zukh mikh, vu fontanen shpritsn!
Gefinst mikh dortn nit, mayn shats;
Vu trern rinen, tseyner kritsn,
Dortn iz mayn rue-plats.

Un libstu mikh mit varer libe,
To kum tsu mir, mayn guter shats;
Un hayter oyf mayn harts dos tribe,
Un makh mir zis mayn rue-plats.

ניט זוך מיך, ווו די מירטן גרינען!
געפֿינסט מיך דאָרטן ניט, מײַן שאַץ;
ווו לעבנס וועלקן בײַ מאַשינען,
דאָרטן איז מײַן רוע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך ווו די פֿייגל זינגען!
געפֿינסט מיך דאָרטן ניט, מײַן שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך, ווו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מײַן רוע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, ווו פֿאָנטאַנען שפּריצן!
געפֿינסט מיך דאָרטן ניט, מײַן שאַץ;
ווו טרערן רינען, ציינער קריצן,
דאָרטן איז מײַן רוע־פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט וואַרער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מײַן גוטער שאַץ;
און הײַטער אויף מײַן האַרץ דאָס טריבע,
און מאַך מיר זיס מײַן רוע־פּלאַץ.

Don't look for me where myrtles grow, you will not find me there, my love. Where lives wither at machines—that is my resting place. Don't look for me where birds sing, you will not find me there, my love. I am a slave, and where chains ring—that is my resting place. Not where fountains splash, but where tears flow and teeth gnash—that is my resting place. And if you love me truly, come lighten my heart and sweeten my resting place.

# Mayn yingele

**By Morris Rosenfeld**

Ikh hob a kleynem yingele,
A zunele gor fayn!
Ven ikh derze im, dakht zikh mir
Di gantse velt is mayn.

Nor zeltn, zeltn ze ikh im,
Mayn sheynem ven er vakht:
Ikh tref im tomid shlofndik,
Ikh ze im nor baynakht.

Di arbet traybt mikh fri aroys
Un lozt mikh shpet tsurik,
O, fremd iz mir mayn eygn layb,
O, fremd mayn kinds a blik!

Ikh kum tseklemterheyt aheym,
In finsternish gehilt;
Mayn bleykhe froy dertseylt mir bald,
Vi fayn dos kind zikh shpilt.

Ikh her es tsu un ayl - es - muz,-
Yo, yo, es muz geshen!
Di foterlibe flakert oyf:
Es muz mayn kind mikh zen!...

Ikh shtey bay zayn gelegerl
Un ze, un her, un sha!
A troym bavegt di lipelekh:
"O, vu iz, vu iz pa?"

Vi zis es ret, vi klug es fregt:
"O, mame, gute ma,
Ven kumt un brengt a penny mir,
Mayn guter, guter pa?"

Ikh kush di bloye eygelekh,
Zey efenen zikh: "O, kind!"
Zey ze-en mikh, zey ze-en mikh,
Un shlisn zikh geshvint.

"Do shteyt dayn papa, tayerer,
A penele dir na!"
A troym bavegt di lipelekh:
"O, vu iz, vu iz pa?"

Ikh blayb tseveytikt un tseklemt,
Farbitert un ikh kler:
Ven du vakhst oyf amol, mayn kind,
Gefinstu mikh nit mer.

**Translated by Aaron Kramer**

I have a son, a little son
A youngster mighty fine!
And when I look at him I feel
That all the world is mine.

But seldom do I see him when
He's wide awake and bright.
I always find him sound asleep;
I see him late at night.

The time-clock drags me off at dawn;
At night it lets me go.
I hardly know my flesh and blood;
His eyes I hardly know . . .

I climbed the staircase wearily:
A figure wrapped in shade.
Each night my haggard wife describes
How well the youngster played;

How sweetly he's begun to talk;
How cleverly he said,
"When will my daddy come and leave
A penny near my bed?"

I listen, and I rush inside
It must — yes, it must be!
My father-love begins to burn:
My child must look at me! . . .

I stand beside the little bed
And watch my sleeping son,
When hush! a dream bestirs his mouth:
"Where has my daddy gone?"

I touch his eyelids with my lips.
The blue eyes open then:
They look at me! they look at me!
And quickly shut again.

"Your daddy's right beside you, dear.
Here, here's a penny, son!"
A dream bestirs his little mouth:
"Where has my daddy gone?"

I watch him, wounded and depressed
By thoughts I cannot bear:
"One morning, when you wake — my child —
You'll find that I'm not here."

Mir Far Dayne Beyndelekh – (music:Joseph Rumshinsky; lyrics:Nahum Stuchkoff)
**This is a song expressing unconditional love, the kind of love that says, if anything bad happens, God forbid, may it befall me and not you, my child. ("Mir far dir." "It should have happened to me.") My mother, Hannah Bressler, learned it from my grandfather, Isidore Lipinsky. It was in Rumshinsky's "European Operetta", The Girl From Warsaw. Thanks for the original translation help to my late mother and more recently to my esteemed friend and colleague, Michael Alpert.**

| | |
|---|---|
| **Ikh gedenk vi atsind...** | I remember it as if it were now… |
| **Kleyn bin ikh a kind...** | I am a child…and my grandmother rocks me |
| **Un mayn bobe vigt un zingt mir ay lyu lyu mir....** | And sings ay lyu lyu to me… |
| | |
| **Sheyn ir lidl iz,** | Her song is beautiful, |
| **Hartsidik un zis...** | Heartfelt and sweet… |
| **Eynmol ir hert es,** | Once you hear it, |
| **Ayngekritst vert es,** | It gets imprinted in your memory, |
| **Tif in dayn hartsn dir...** | And deep within your heart. |
| | |
| **(CHORUS)** | |
| **Mir... mir... mir far dayne beyndelekh.** | Me instead of you. |
| **Mir...mir... mir far dayne kheyndelekh.** | Nothing bad should ever happen to you, |
| **Vi mit gold gevoygn** | To your bones, to your charms. |
| **Iz in mayne oygn,** | In my eyes every part of you, oh |
| **Yeder glid, oy yeder eyver dayn!** | Is worth its weight in gold! |
| | |
| **Mir.. mir... mir far dayne bekelekh...** | Nothing bad should ever happen to |
| **Mir... mir... far di goldn-lekelekh...** | Your cheeks and golden curls. |
| **Oyf dayn yeder mine** | Upon every expression of your face, |
| **Shaynt un rut di shkhine.** | God's presence shines and rests. |
| **Hentlekh sheyne,** | Beautiful little hands, |
| **Fislekh kleyne,** | Small little feet, |
| **Zol dir kayn eyn hore nor nit zayn.** | The evil eye should never be upon you. |

Verse 2.

| | |
|---|---|
| **Yo gelipte mayn,** | Yes my beloved, |
| **Ikh muz moyde zayn,** | I must confess, |
| **Az dos hartsik lidl hot mikh poshit derkvikt.** | That this heartfelt song simply delighted me. |
| | |
| **Di verter, der motiv,** | The words, the melody, |
| **Klingen tsart naiv,** | They sound tenderly simple. |
| **A lidl fun kinder un s'past zikh a vunder,** | A child's song and it passes over me a wonder, |
| **Far groyse oykh an antic.** | For adults also a gem. |

## O KUM SHOYN SHTILER OVNT

## אָ קום שוין שטילער אָונט

### Evening Song

Adaptation by Daniel Charney (1888-1959). Published in *Zamlbukh fun kinder-lider . . .*, 1917.

O kum shoyn, shtiler ovnt,
Un vig di felder ayn,
Mir zingen dir a loyblid,
O, liber ovnt-shayn.

Vi shtil es iz gevorn,
Es vert di luft shoyn kalt;
Zayn lid hot shoyn farendikt
Der nakhtigal in vald.

S'vert tunkeler di lonke,
Es kumt di nakht tsu geyn;
Di vaysinke beryoze
Blaybt shteyn in feld aleyn.

אָ קום שוין, שטילער אָוונט,
און וויג די פֿעלדער אײַן,
מיר זינגען דיר אַ לויבליד,
אָ, ליבער אָוונט־שײַן.

ווי שטיל עס איז געוואָרן,
עס ווערט די לופֿט שוין קאַלט;
זײַן ליד האָט שוין פֿאַרענדיקט
דער נאַכטיגאַל אין וואַלד.

ס'ווערט טונקעלער די לאָנקע,
עס קומט די נאַכט צו גיין;
די ווײַסינקע בעריאָזע
בלײַבט שטיין אין פֿעלד אליין.

Oh come, quiet evening, and rock the fields to sleep. How quiet it has become; the air is turning cool. In the woods, the nightingale has ended its song.

# Ot Azoy Neyt A Shnayder



## This Is How a Tailor Stitches

A work song of the beginning of the 19th century, acquires two additional stanzas (3 and 4), towards the end of the 80s, when the struggle for the ten hour day, was crowned with success, in a particular strike.

English text by Ruth Rubin, ©1964 by Appleseed Music, Inc.




**Refrain:**

Ot azoy neyt a shnayder,
Ot azoy neyt er doch.
Ot azoy neyt a shnayder,
Ot azoy neyt er doch.

Er neyt un neyt a gantse voch,
Fardint a gildn mit a loch.

A shnayder neyt un neyt un neyt,
Fardint kadoches, nit kayn broyt.

Farayorn, nit haynt gedacht,
Hobn mir gehorevet fun acht biz acht.

Ober di struktsye hot gemacht,
Mir horeven shoyn mer nit fun acht biz acht.

**Refrain:**

This is how a tailor stitches,
This is how he sews and sews,
Making other people's britches,
All day long he sits and sews.

A tailor works hard all the time,
But all he gets is a lousy dime.

A tailor sews to earn his bread,
And gets the misery instead.

A year ago we worked till late,
Twelve long hours, from eight to eight.

But now the union's set us straight,
We work no more from eight to eight.

The tailor boss is in a fix,
We only work from eight to six.

## OY, DORTN, DORTN

## אוי, דאָרטן, דאָרטן

### Oh, Far Away

Folk song (textual variant published in 1901 by S. Ginzburg and P. Marek; one version published in 1918 by M. Kipnis). This version published in 1927 by Y.L. Cahan.

Oy, dortn, dortn, ibern vaserl,
Oy, dortn, dortn, ibern brik!
Fartribn hostu mikh in di vaytene lender,
Un benken benk ikh nokh dir tsurik!

Oy, vifl ovntn tsuzamen gezesn,
Oy, vifl ovntn shpet in der nakht!
Un vifl trerelekh mir hobn beyde fargosn
Eyder mir hobn di libe tsuzamengebrakht!

Oy, helf mir, gotenyu, oy, got in himl,
Helf mir, gotenyu, s'iz mir nit gut!
Shoyn tsayt dray yorelekh, vi mir shpiln a libe,
Un oysshpiln di libe konen mir nit!

Oy, dayne eygelekh, azoy vi di karshelekh,
Un dayne lipelekh, vi rozeve papir;
Un dayne fingerlekh, vi tint un vi feder—
Oy, shraybn zolstu ofte briv tsu mir!

אוי, דאָרטן, דאָרטן, איבערן וואַסערל,
אוי, דאָרטן, דאָרטן, איבערן בריק!
פֿאַרטריבן האָסטו מיך אין די ווײַטענע לענדער,
און בענקען, בענק איך נאָך דיר צוריק!

אוי, וויפֿל אָוונטן צוזאַמען געזעסן,
אוי, וויפֿל אָוונטן שפּעט אין דער נאַכט!
און וויפֿל טרערעלעך מיר האָבן ביידע פֿאַרגאָסן
איידער מיר האָבן די ליבע צוזאַמענגעבראַכט!

אוי, העלף מיר גאָטעניו, אוי, גאָט אין הימל,
העלף מיר, גאָטעניו, ס'איז מיר ניט גוט;
שוין צוויי־דרײַ יאָרעלעך, ווי מיר שפּילן אַ ליבע,
און אויסשפּילן די ליבע קאָנען מיר ניט!

אוי, דײַנע אייגעלעך, אַזוי ווי די קאַרשעלעך,
און דײַנע ליפּעלעך, ווי ראָזעווע פּאַפּיר;
און דײַנע פֿינגערלעך, ווי טינט און ווי פֿעדער —
אוי, שרײַבן זאָלסטו אָפֿטע בריוו צו מיר!

Oh, far away, across the seas, my love is parted from me. How many evenings we spent together and how many tears we shed until we knew of our love! Oh, your eyes are like black cherries and your lips are like pale rose paper! May your fingers be like pen and ink so that you may write to me often!



Oyf a bergl

# אויף אַ בערגל

(ישראל־ליד)

( ע ל י   ג ב ע ה )

Aley Givah

Text: Broides, Music: Nardi

Oyf a bergl, dortn in galil
Zitst a pastukh mit zayn fayfl,
Zitst azoy un er shpilt.
Er zitst un shpilt,
Er zitst un hit,
Hern lemelekh, un tsigelekh,
Un loshiklekh zayn lid.
Li . . . Li . . . Li . . .

Oyf zayn fayfl ruft er mit zayn lid:
Aher tsu mir,
Zol firn mayn nigun ayere trit,
Er zitst un hit,
Er zitst un shpilt,
Shpilt nigunimlekh un mayselekh
Fun heldn in galil.
Li . . . li . . . li . . .

אויף אַ בערגל, דאָרטן אין גליל,
זיצט אַ פּאַסטוך מיט זיין פייפל,
זיצט אַזוי און ער שפּילט.
ער זיצט און שפּילט,
ער זיצט און היט,
הערן לעמעלעך און ציגעלעך
און לאָשיקלעך זיין ליד.
לי... לי... לי...

אויף זיין פייפל רופט ער מיט זיין ליד :
אַהער צו מיר,
זאָל פירן מיין ניגון אייערע טריט,
ער זיצט און היט,
ער זיצט און שפּילט,
שפּילט ניגונימלעך און מעשהלעך
פון העלדן אין גליל.
לי... לי... לי...

On a hill in Galilee
Sits a shepherd with his flute
Sits there as he plays,
Sits and plays,
Sits and guards
His lambs, goats, and foal
Who listen to his song
Li . . . li . . . li . . .

On his flute he calls to them,
Come close to me,
Let my song guide your feet;
He sits and guards,
He sits and plays,
Plays melodies and tales
Of the heroes in Galilee.
Li . . . li . . . li . . .

## OYFN PRIPETSHIK

## אויפֿן פּריפּעטשיק

### At the Fireplace

Most frequently called *Oyfn Pripetshik*, from its opening words, this song originally titled "Der Alef-Beyz", had gained such wide popularity that many did not realize its authorship. It was written by Mark M. Warshawsky (1840-1907), a discovery of Sholom Aleichem, who assisted in the publication of two collections of Warshawsky's songs, in 1901 and 1914.

The music was later used as a theme in the film based on the life of George Gershwin. During the Nazi holocaust it was used as a ghetto song: "At the ghetto wall a fire burns, the surveillance is keen." And in the Soviet Union, in the early '60's, a song that made the rounds clandestinely had the following words: "Even should they beat you or throw you on the pyre, repeat *komets-alef—o.*"

Oyfn pripetshik brent a fayerl,
Un in shtub iz heys,
Un der rebe lernt kleyne kinderlekh
Dem alef-beyz.

**Refrain:**
Zet zhe, kinderlekh, gedenkt zhe, tayere,
Vos ir lernt do,
Zogt zhe nokh a mol un take nokh a mol:
Komets-alef: o!

Lernt, kinder, mit groys kheyshek,
Azoy zog ikh aykh on,
Ver s'vet gikher fun aykh kenen ivre,
Der bakumt a fon.

Az ir vet, kinder, elter vern,
Vet ir aleyn farshteyn,
Vifl in di oysyes lign trern,
Un vi fil geveyn.

Az ir vet, kinder, dem goles shlepn,
Oysgemutshet zayn,
Zolt ir fun di oysyes koyekh shepn,
Kukt in zey arayn!

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל,
און אין שטוב איז היים.
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.

רעפֿריין:
זעט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ,
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל:
קמץ־אַלף: אָ!

לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק,
אַזוי זאָג איך אײַך אָן,
ווער ס'וועט גיכער פֿון אײַך קענען עבֿרי,
דער באַקומט אַ פֿאָן.

אַז איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פֿאַרשטיין,
וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן,
און ווי פֿיל געוויין.

אַז איר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּן,
אויסגעמוטשעט זײַן,
זאָלט איר פֿון די אותיות כּוח שעפּן,
קוקט אין זיי אַרײַן!

A flame burns in the fireplace, the room warms up, as the teacher drills the children in the *alef-beyz*: "Remember dear children, what you are learning here. Repeat it again and again: *komets-alef* is pronounced *o*. When you grow older you will understand that this alphabet contains the tears and the weeping of our people. When you grow weary and burdened with exile, you will find comfort and strength within this Jewish alphabet."

## ROZHINKES MIT MANDLEN

## ראזשינקעס מיט מאנדלען

### Raisins and Almonds

A long time favorite, this is part of a song from the operetta, *Shulamis,* written in 1880 by Abraham Goldfaden (1840-1908), the founder of the modern Yiddish theatre. The refrain is an adaptation of a Yiddish folk song, "Unter Yankeles Vigele."

The song was adapted to conditions under the Nazis, and one version from the Kaunas ghetto was: "In the Slobodka Yeshiva an old sexton is reading his last will and testament . . . when you will be free, tell your children of our suffering and murder. Show them the graves and inscriptions at the Ninth Fort" (an extermination place near Kaunas).

In dem beys-hamikdesh, in a vinkl kheyder,
Zitst di almone, Bas-Tsiyon aleyn.
Ir ben-yokhidl Yidelen vigt zi keseyder
Un zingt im tsum shlofn a lidele sheyn:

Ay-lyu-lyu-lyu . . .

Unter Yideles vigele
Shteyt a klor-vays tsigele,
Dos tsigele iz geforn handlen,—
Dos vet zayn dayn baruf:
Rozhinkes mit mandlen;
Shlof zhe, Yidele, shlof.

Es vet kumen a tsayt fun ayznbanen,
Zey veln farfleytsn a halbe velt;
Ayzerne vegn vestu oysshpanen
Un vest in dem oykh fardinen fil gelt.

Un az du vest vern raykh, Yidele
Zolstu zikh dermonen in dem lidele;
Rozhinkes mit mandlen!
Dos vet zayn dayn baruf
Yidele vet alts handlen,
Shlof zhe. Yidele, shlof.

אין דעם בית־המיקדש, אין א ווינקל חדר,
זיצט די אלמנה בת־ציון אליין.
איר בן־יחידל יידעלען וויגט זי כסדר
און זינגט אים צום שלאפן א לידעלע שיין:

איי־לו־לו . . .

אונטער יידעלעס וויגעלע
שטייט א קלאר־ווייס ציגעלע,
דאס ציגעלע איז געפארן האנדלען,
דאס וועט זיין דיין בארוף:
ראזשינקעס מיט מאנדלען;
שלאף זשע, יידעלע, שלאף.

עס וועט קומען א צייט פון אייזנבאנען,
זיי וועלן פארפלייצן א האלבע וועלט;
אייזערנע וועגן וועסטו אויסשפאנען
און וועסט אין דעם אויך פארדינען פיל געלט.

און אז דו וועסט ווערן רייך, יידעלע,
זאלסטו זיך דערמאנען אין דעם לידעלע;
ראזשינקעס מיט מאנדלען!
דאס וועט זיין דיין בארוף —
יידעלע וועט אלץ האנדלען,
שלאף זשע, יידעלע, שלאף.

In a corner of the Temple the widowed daughter of Zion sits, rocking her only son Yidele to sleep. She sings a tender lullaby: "Under Yidele's cradle stands a snow-white kid. The kid has been to market. That will be Yidele's calling, too—trading in raisins and almonds. So sleep now, Yidele, sleep. There will come a time when railroads will cover half the earth and you, too, will earn great wealth. But even when you are rich, Yidele, remember your mother's lullaby."

Sheyn Vi Di Levone *(Beautiful as the Moon)*
*(J.Rumshinsky - Chaim Tauber)*

Yiddish Lyrics

Sheyn vi di levone
Likhtik vi di shtern
Fun himl a matone
Bistu mir tsugeshikt.

Mayn glik hob ikh gevunen
Ven ikh hob dikh gefunen,
Du shaynst vi toyznt zunen
Host mayn harts baglikt.

Dayne tsendelekh,
Vayse perelekh,
Mit dayne sheyne oygn,
Dayne kheyndelekh,
Dayne herelekh,
Host mikh tsugetsoygn.

*English Translation*

*Beautiful as the moon,*
*Radiant as the stars,*
*You are a gift from heaven*
*Sent to me.*

*I won happiness*
*When I found you,*
*You shine like a thousand suns*
*You made my heart happy.*

*Your teeth,*
*White pearls,*
*With your lovely eyes,*
*Your dear charm,*
*Your dear hair,*
*Pulled me to you.*

# Shlof mayn kind

Shlof, mayn kind, mayn, kroyn, mayn shayner
Shlof-zhe, lyu-lyu-lyu!
Shlof mayn lebn, mayn kadish eyner,
Shlof-zhe, zunenyu!

Bay dayn vigl zitst dayn mame,
Zingt a lid un veynt,
Vest amol farshteyn mistome
Vos zi hot gemeynt.

In Amerika iz der tate,
Dayner, zunenyu,
Du bist a kind nokh, shlof lesate
Shlof-zhe, liu-liu-liu!

In Amerika iz far yedn,
Zogt men gor a glik,
Un far yidn a gan-eydn,
Epes an antik.

Dortn est men in der vohkhn
Khale, zunenyu,
Yay-kheh-lekh vel ikh dir kokhn
Shlof-zhe lyu-lyu-lyu!

Er vet shikn tsvantsik dollar,
Zayn portret dertsu
Un vet nemen, lebn zol er,
Undz a-hin-tsu-tsu.

Biz es kumt dos gute kvitl,
Shlof-zhe lyu-lyu-lyu!
Shlofn iz a tayer mitl
Shlof-zhe, zunenyu!

Sleep, my child, my joy, my treasure
Sleep my pretty one!
Sleep my crown, my only comfort,
Sleep my little son.

By your cradle sits your mother,
While her hot tears flow,
Sits and sings a song about thee
Sometime thou wilt know.

In America is father,
Thine, my pretty son!
Thou art young yet, sleep thou, sleep thou,
Sleep my little one.

This America, they tell me,
Is a land of gold;
And whoever cometh thither
Prospers, I am told.

E'en on week-days do they eat there
Wheaten bread, my son!
Chicken broth I'll cook thee daily
Sleep my little one.

He will send us twenty dollars
And his picture, too,
And will take us to a country
That we never knew.

But until that letter cometh
Must we, pretty son
Sleep, it is a precious balsam
Sleep my little one.

Translated by Alter Brody

# Little String, Little Pearl

Folksong, text published by S. Ginzburg and P. Marek in St. Petersburg, 1901; music was published by Joel Engel in 1909, also in the children's compilation *Di gilderne pave*, 1949. The lines of the advent of the Messiah appear in numerous Sabbath "God of Abraham" prayers. The melody was used for a Hebrew song "Na-aleh L'artsenu" (On to Our Land). Zalmen Mlotek also submitted an English hymn "Praise Ye the Lord" which Herbert Fromm set to this melody. This song, rendered by Lorin Sklamburg, is one of the most popular songs in the Klezkamp Folk Arts Program.

Shnirele perele, gilderne fon,
Moshiekh ben Dovid zitst oybn on.
Halt a bekher in der rekhter hant,
Makht a brokhe oyfn gantsn land.

Oy, omeyn veomeyn, dos iz vor,
Meshiekh vet kumen hayntiks yor!

Vet er kumen tsu forn—
Veln zayn gute yorn.
Vet er kumen tsu raytn—
Veln zayn gute tsaytn.
Vet er kumen tsu geyn—
Veln di yidn in erets-yisroel aynshteyn!

שנירעלע-פּערעלע, גילדערנע פֿאָן,
משיח בן דוד זיצט אויבן אָן.
האַלט אַ בעכער אין דער רעכטער האַנט,
מאַכט אַ ברכה אויפֿן גאַנצן לאַנד.

אוי, אָמן ואָמן - דאָס איז וואָר,
משיח וועט קומען הײַנטיקס יאָר.

וועט ער קומען צו פֿאָרן -
וועלן זײַן גוטע יאָרן.
וועט ער קומען צו רײַטן -
וועלן זײַן גוטע צײַטן.
וועט ער קומען צו גיין -
וועלן די ייִדן אין ארץ-ישׂראל אײַנשטיין.

Little string, little pearl, golden banner—the Messiah, the son of David, is sitting on his throne. He holds a goblet in his right hand and says a blessing for the entire land.

Oh amen and amen—this is true: The Messiah will come this year.

If he comes riding in a wagon, there will be good years. If he comes riding on a horse, there will be good times. If he comes walking, the Jews will dwell in Erets Israel.

## Song of Peace / Sholem Lid




### שלום ליד

לאָמיר אַלע פריילעך זיין,
לאָמיר אַלע זינגען,
לאָמיר אַלע פריילעך זיין,
לאָמיר אַלע זינגען.

זינגען פאַר שלום,
זינגען פאַר ברויט,
בויען אַ מאָרגן
אָן האַס און אָן נויט.

זינגען פאַר שלום,
זינגען פאַר ברויט,
בויען אַ מאָרגן פון שלום,
בויען אַ מאָרגן פון שלום.



Lomir ale freylekh zayn
Lomir ale zingen
Lomir ale freylekh zayn
Lomir ale zingen.

Zingen far sholem
Zingen far broyt,
Boyen a morgn
On has un on noyt.

Zingen far sholem
Zingen far broyt
Boyen a morgn fun sholem,
Boyen a morgn fun sholem.

Let us all rejoice
Let us all sing
Let us all rejoice
Let us all sing.

Sing for peace
Sing for bread,
Build a future
Without hate or need.

Let us sing for peace,
Let us sing for bread,
And work for a future of peace,
And work for a future of peace.

# These Are the Steppes

Words by Soviet Yiddish poet Mendl Abarbanel (1888–1957); music by Ben Yomen (1901–1970). Published in the composer's collection *Zing, mayn folk*, 1946.

S'iz der step shoyn opgeshorn,
Un shoyn alts tsunoyfgenumen.
Libster mayner, kum tsu forn,
Ikh vel vartn oyf dayn kumen, hey!

Di arbuzn zaynen tsaytik,
S'geyt di zaft fun zey ariber,
Ful mit ziskeyt ongegosn,
Vi mayn harts iz ful mit libe.

Un di karshn, libster mayner,
Zaynen shvarts vi dayne oygn.
Ongeshotn oyf di beymer
Un di tsvaygn zikh azh boygn.

Kum tsu forn, libster mayner,
Un genug shoyn undz tsu troymen,
Rayf un tsaytik iz mayn libe,
Vi s'iz tsaytik mayne floymen.

ס׳איז דער סטעפּ שוין אָפּגעשאָרן,
און שוין אַלץ צונויפֿגענומען.
ליבסטער מײַנער, קום צו פֿאָרן,
איך וועל וואַרטן אויף דײַן קומען, העי!

די אַרבוזן זײַנען צײַטיק,
ס׳גייט די זאַפֿט פֿון זיי אַריבער,
פֿול מיט זיסקייט אָנגעגאָסן,
ווי מײַן האַרץ איז פֿול מיט ליבע.

און די קאַרשן, ליבסטער מײַנער,
זײַנען שוואַרץ ווי דײַנע אויגן.
אָנגעשאָטן אויף די ביימער
און די צווײַגן זיך אַזש בויגן.

קום צו פֿאָרן, ליבסטער מײַנער,
און גענוג שוין אונדז צו טרוימען,
רײַף און צײַטיק איז מײַן ליבע,
ווי ס׳איז צײַטיק מײַנע פֿלוימען.

The steppes have been mowed already and everything has been gathered.

Dearest mine, come visit me—I'll wait for your arrival. The watermelons are ripe, their juice is overflowing; they're full of sweetness, as my heart is full of love.

And the cherries, dearest mine, are black like your eyes. The trees are loaded and the branches are bending. Come visit me, dearest mine, and enough for us of dreaming. My love is ripe just like my plums.



# Tayere malke

Text and Music: M. M. Warshavsky

Tayere Malke,
Gezunt zolstu zayn!
Gis on in bekher,
In bekher dem vayn.

Tsuzing: Bim bam, bam bim bam,
Bim bam, bam bam,
Bim bam, bam bim bam,
Bim bam, bam bam.

Fun dem dozikn bekher,
Er glantst azoy sheyn
Hot getrunken mayn zeyde,
Mayn zeyde aleyn.

Tsuzing . . .

Śiz geven shlekhte tsaytn,
Vi es makht zikh amol,
Nor dem bekher hot er gehaltn,
Ayzn un shtol . . .

Tsuzing . . .

Tayere malke,
Gezunt zolstu zayn,
Far vemen zol ikh trinken
Dem dozikn vayn.

Tsuzing . . .

Ikh trink far mayne sonim,
Nor zog zey nit oys,
Ze, trern shpritsn,
Funem bekher aroys.

Tsuzing . . .



Dearest Malke
Good health to you;
Fill up the goblet,
Fill it with wine.
Bim-bahm, bahm, bim bahm,
Bim-bahm bahm bahm,
Bim-bahm, bahm, bim bahm,
Bim bahm bahm bahm.

From this very goblet,
Which is shining so bright,
My dear, dear grandpa,
My grandpa, would drink.

When things went wrong,
As happened at times,
He held on to the goblet
Through thick and thin.

Dearest Malke,
Good health to you,
To whom shall I drink
A toast with this wine?

I'll drink to my foes,
But don't you let on,
Lo, from the goblet
Tears come spouting.

TUMBA

# טומבאַ

## Tumba

Folk song published by M. Beregovski and I. Feffer in 1938. The song was heard in the Czech movie, *The Shop on Main Street.*

אויפֿן אויוון זיצט אַ מיידל,
טומבאַ, טומבאַ, טומבאַ־באַ,
און זי העפֿט אַ ווײַסע קליידל,
טומבאַ־טומבאַ, טומבאַ־באַ.

איז אַ בחור אָנגעפֿלויגן
און האָט דעם פֿאָדעם אָפּגעצויגן.

— אײַ דו בחור, אײַ דו פֿײַער,
ס'וועט דיך קאָסטן זייער טײַער.

כ'וועל ניט פֿרעגן דיך פֿון וואַנען,
כ'וועל ניט אָפּלאָזן פֿון דאַנען.

כ'וועל דיך האַלדזן, כ'וועל דיך ליבן,
איז דער בחור דאָרט פֿאַרבליבן.

אויפֿן אויוון זיצן צווייען,
ניט זיי העפֿטן, ניט זיי נייען...

Nit mit shtrik vel ich dir pentn
Nor mit mayne vayse hentn

Oyfn oyvn zitst a meydl,
Tumba, tumba, tumba-ba;
Un zi heft a vayse kleydl,
Tumba, tumba, tumba-ba.

Iz a bokher ongefloygn,
Un hot dem fodem opgetsoygn.

— Ay, du bokher, ay, du fayer,
S'vet dikh kostn zeyer tayer.

Kh'vel nit fregn dikh fun vanen,
Kh'vel nit oplozn fun danen.

Kh'vel dikh haldzn, kh'vel dikh libn,
Iz der bokher dort farblibn.

Oyfn oyvn zitsn tsveyen,
Nit zey heftn, nit zey neyen. . . .

A maiden sits on the stove, sewing a white gown. A lad comes along and pulls out a thread. "Oh, you rascal, you will have to pay for that. I won't ask where you're from, but I won't let you leave. I will love you and caress you." And so the lad stayed. Now they both sit on the stove, neither darning nor sewing.

**Moderate tempo**



## TUM-BALALAYKE

## טום־באַלאַלײַקע

### Tum Balalaika

To our knowledge this popular folk song was first published in the United States in 1940 by A. Bitter. The questions about the stone, heart and love are the most popular ones. In one version (published in *Mir Zingen* in 1948) the Tum-balalayke song asks these questions as well as those of the old riddle song, which is an international ballad theme: What is higher than a house (a chimney), what is swifter than a mouse? (a cat), what is deeper than a spring? (the mind), what is more bitter than gall? (death), etc. The melody is similar to the folk song, "Gantse teg zits ikh aleyn."

In the Kaunas ghetto, the police became the target of the song. "Tumbala, tumbala, play ghetto Jew, play a song about the Jewish bellowers."

Shteyt a bokher un er trakht,
Trakht un trakht a gantse nakht,
Vemen tsu nemen un nisht farshemen,
Vemen tsu nemen un nisht farshemen.

**Refrain:**
Tum-bala, tum-bala, tum-balalayke,
Tum-bala, tum-bala, tum-balalayke,
Tum-balalayke, shpil, balalayke,
Shpil, balalayke,
Freylekh zol zayn!

— Meydl, meydl, kh'vil bay dir fregn:
Vos ken vaksn, vaksn on regn?
Vos ken brenen un nisht oyfhern?
Vos ken benken, veynen on trern?

— Narisher bokher, vos darfstu fregn?
A shteyn ken vaksn, vaksn on regn;
Libe ken brenen un nisht oyfhern,
A harts ken benken, veynen on trern.

שטייט אַ בחור און ער טראַכט,
טראַכט און טראַכט אַ גאַנצע נאַכט:
וועמען צו נעמען און נישט פֿאַרשעמען,
וועמען צו נעמען און נישט פֿאַרשעמען.

רעפֿריין:
טום־באַלאַ, טום־באַלאַ טום־באַלאַלײַקע,
טום־באַלאַ, טום־באַלאַ טום־באַלאַלײַקע,
טום־באַלאַלײַקע, שפּיל באַלאַלײַקע,
שפּיל באַלאַלײַקע,
פֿרײלעך זאָל זײַן!

— מיידל, מיידל, כ'וויל בײַ דיר פֿרעגן:
וואָס קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן?
וואָס קען ברענען און נישט אויפֿהערן?
וואָס קען בענקען, וויינען אָן טרערן?

— נאַרישער בחור, וואָס דאַרפֿסטו פֿרעגן?
אַ שטיין קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן;
ליבע קען ברענען און נישט אויפֿהערן,
אַ האַרץ קען בענקען, וויינען אָן טרערן.

All night long a lad worries which girl to marry without embarrassing the other one.

"Maiden, can you tell me what grows without rain, what yearns without tears, what burns forever?"

"Silly lad, a stone can grow without rain, a heart can yearn without tears, and love can burn forever."

## UN DU AKERST

## און דו אַקערסט

### And You Plow

Text by Chaim Zhitlowsky (1865-1943), translated from a poem by Georg Herwegh, a German poet (1817-1875), who took part in the attempted revolution in Baden in 1848. A refrain was added in the Yiddish adaptation.

In A. Idelsohn's version the line reads, "Break the chains of Nicholas," instead of "slavery."

Un du akerst un du zeyst,
Un du fiterst un du neyst,
Un du hamerst un du shpinst —
Zog, mayn folk, vos du fardinst?

**CHORUS:**
Kling-klang, kling-klang!
Klapt der hamer mit zayn gezang!
Kling-klang, kling-klang!
Tserayst di keytn fun shklafn-tsvang!

Vebst dayn vebshtul tog un nakht,
Grobst undz ayzn fun der shakht,
Brengst di shefe undz arayn,
Ful mit tvue un mit vayn.

Nor vu iz dayn tish gegreyt?
Nor vu iz dayn yomtev-kleyd?
Nor vu iz dayn sharfe shverd?
Velkhes glik iz dir bashert?

Man fun arbet oyfgevakht,
Un derken dayn groyse makht,
Ven dayn shtarker orem vil,
Blaybn ale reder shtil.

און דו אַקערסט און דו זייסט,
און דו פֿיטערסט און דו נייסט,
און דו האַמערסט און דו שפּינסט —
זאָג, מײַן פֿאָלק, וואָס דו פֿאַרדינסט?

רעפֿריין:
קלינג-קלאַנג, קלינג-קלאַנג!
קלאַפּט דער האַמער מיט זײַן געזאַנג;
קלינג-קלאַנג, קלינג-קלאַנג!
צערײַסט די קייטן פֿון שקלאַפֿנצוואַנג!

וועבסט דײַן וועבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונדז אײַזן פֿון דער שאַכט,
ברענגסט די שפֿע אונדז אַרײַן
פֿול מיט תּבֿואה און מיט ווײַן.

נאָר ווו איז דײַן טיש געגרייט?
נאָר ווו איז דײַן יום-טובֿ-קלייד?
נאָר ווו איז דײַן שאַרפֿע שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?

מאַן פֿון אַרבעט אויפֿגעוואַכט,
און דערקען דײַן גרויסע מאַכט;
ווען דײַן שטאַרקער אָרעם וויל,
בלײַבן אַלע רעדער שטיל.

You plow and sow; you graze and sew; you hammer and weave—for others. What my people, do you earn? Where is your table set? Where are your holiday clothes? What joy is in store for you? Working man, awake and recognize your strength! Your mighty arm can stop all turning wheels. Clang—the hammer rings! Break the bonds of slavery!

## UNDZER NIGNDL

## אונדזער ניגונדל

### Our Tune

Text and melody by Nokhem Sternheim (1879–killed during World War II), folk poet from Galicia, whose songs, like Warshawsky's and Gebirtig's, are often regarded as anonymous folk songs.

Hobn mir a nigndl,
In nakhes un in freydn,
Zingen mir es, zingen mir es,
Klingt es azoy sheyn!
Dos hot nokh gezungen
Di bobe mitn zeydn,
Ven zey zaynen kinder nokh geven.

**CHORUS:**
Oy, oy, oy, ot azoy zhe
Vi der nign klingt atsinder,
Aza freylekhs, aza freylekhs
Zingt zhe, kinder,
Ot azoy zhe, vi der nign klingt atsinder
Aza freylekhs lomir ale geyn.

Hobn mir a nigndl,
Zingen mir tsuzamen,
Zingen mir es, zingen mir es,
Klingt es azoy sheyn!
Dos hot nokh gezungen
Der tate mit der mamen,
Ven zey zaynen kinder nokh geven.

Hobn mir a nigndl,
In mazl un in brokhe,
Zingen mir es, zingen mir es,
Klingt es azoy sheyn!
Dos hot nokh gezungen
Di gantse mishpokhe,
Ven zey zaynen kinder nokh geven.

האָבן מיר אַ ניגונדל
אין נחת און אין פֿריידן,
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט נאָך געזונגען
די באָבע מיטן זיידן
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

רעפֿריין:
אוי־אוי־אוי, אָט אַזוי זשע
ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער,
אַזאַ פֿריילעכס, אַזאַ פֿריילעכס
זינגט זשע קינדער.
אָט אַזוי זשע ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער
אַזאַ פֿריילעכס לאָמיר אַלע גיין.

האָבן מיר אַ ניגונדל
זינגען מיר צוזאַמען,
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט נאָך געזונגען
דער טאַטע מיט דער מאַמען,
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

האָבן מיר אַ ניגונדל
אין מזל און אין ברכה
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין.
דאָס האָט נאָך געזונגען
די גאַנצע משפּחה,
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

We have a little tune we sing with pleasure and joy. This tune was sung by grandfather and grandmother, father and mother—the whole family, when all were still young.

## VAKHT OYF!

## װאַכט אױף!

### Awake!

Text by David Edelstadt. (See note to *In Kamf*, on page 80; *Mayn Tsavoe* on page 92).

Vi lang, o vi lang vet ir blaybn nokh shklafn
Un trogn di shendlekhe keyt?
Vi lang vet ir glentsnde raykhtimer shafn
Far dem, vos baroybt ayer broyt?

Vi lang vet ir shteyn, ayer rukn geboygn,
Derniderikt, heymloz, farshmakht?
Es togt shoyn, vakht oyf, un tseefnt di oygn,
Derfilt ayer ayzerne makht!

Klingt umetum in di frayheyts-glokn!
Farzamlt di laydnde knekht!
Un kemft bagaystert, un kemft umdershrokn
Far ayere heylike rekht!

Un ales vet lebn, un libn, un blien,
In frayen, in goldenem may!
Brider, genug far tiranen tsu knien,
Shvert, az ir muzt vern fray!

װי לאַנג, אָ װי לאַנג װעט איר בלײַבן נאָך שקלאַפֿן
און טראָגן די שענדלעכע קײט?
װי לאַנג װעט איר גלענצנדע רײַכטימער שאַפֿן
פֿאַר דעם, װאָס באַרױבט אײַער ברױט?

װי לאַנג װעט איר שטײן, אײַער רוקן געבױגן,
דערנידעריקט, הײמלאָז, פֿאַרשמאַכט?
עס טאָגט שױן, װאַכט אױף, און צעעפֿנט די אױגן,
דערפֿילט אײַער אײַזערנע מאַכט!

קלינגט אומעטום אין די פֿרײַהײטס-גלאָקן!
פֿאַרזאַמלט די לײַדנדע קנעכט!
און קעמפֿט באַגײַסטערט און קעמפֿט אומדערשראָקן
פֿאַר אײַערע הײליקע רעכט!

און אַלעס װעט לעבן, און ליבן, און בליִען,
אין פֿרײַען, אין גאָלדענעם מײַ!
ברידער, גענוג פֿאַר טיראַנען צו קניִען,
שװערט, אַז איר מוזט װערן פֿרײַ!

How long will you remain slaves and wear degrading chains? How long will you produce riches for those who rob you of your bread? How long will you stand with backs bent—humiliated, homeless and weak? It's daybreak, awake, open your eyes, and see your own strength. Ring the freedom bells everywhere, gather together the suffering slaves, and fight for your sacred rights!

## Sleep My Child / Vig Lid




## אַ וויג־ליד

(פאָלקסליד)

שלאָף, מיין קינד, שלאָף כסדר,
זינגען וועל איך דיר אַ ליד;
אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן אַן אונטערשיד.

אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו ווערן מיט לייטן גלייך;
דעמאָלט וועסטו געוואויער ווערן
וואָס הייסט אָרעם און וואָס הייסט רייך.

די טייערסטע, די רייכסטע הייזער —
דאָס אַלץ מאַכט דער אָרעמאַן;
נאָר, ווייסטו ווער עס טוט אין זיי וואוינען?
גאָר נישט ער, נאָר דער רייכער מאַן.

דער אָרעמאַן, ער ליגט אין קעלער,
דער ווילגאָטש רינט אים פון די ווענט;
דערפון באַקומט ער רעמאַטעס־פעלער
אין די פיס און אין די הענט.

Sleep my child, sleep, be peaceful,
There's a song I want to sing;
When you, my child, are somewhat older
There's something you will come to know.

When you, my child, become a grown-up,
You will be as others are;
Then you will discover for yourself
The meaning of poverty and of wealth.

The costliest palaces, the richest mansions —
These are all made by the working poor;
But who do you think inhabits these places?
Not the poor but the very rich.

The poor man languishes in his basement
Where the walls keep dripping all the time;
The poor folk suffer rheumatism
In body, hands, and feet.

**Shlof, mayn kind, shlof keseyder**
**Zingen vel ikh dir a lid;**
**Az du, mayn kind, vest elter vern,**
**Vestu visn an untershid.**

**Az du, mayn kind, vest elter vern,**
**Vestu zayn mit laytn glaykh;**
**Demlt vestu gevoyer vern**
**Vos heyst orem un vos heyst raykh.**

**Di tayerste palatsn, di raykhe hayzer**
**Dos alts hot geboyt der oreman.**
**Nor veystu ver es tut in zey voynen?**
**Gor nisht er, nor der raykher man.**

**Der oreman, er ligt in keler,**
**Der vilgotch rint im fun di vent;**
**Derfun bakumt er remates-feler**
**In di fis un in di hent.**

**Volt Ikh Gehat Koyekh** (If I Had Strength)

Traditional, adapted by Adrienne Cooper and Avrom Mlotek

Volt ikh gehat koyekh,
Volt ikh gelofn in di gasn,
Volt ikh geshrign, "Sholem,
Sholem, sholem, sholem!"

Vayl ikh hob koyekh,
Vel ikh lofn in di gasn,
Vel ikh shrayen, "Sholem,
Sholem, sholem, sholem!"

If I had strength,
I would run through the streets,
I would shout, "Peace,
Peace, peace, peace!"

Because I have strength,
I will run through the streets,
I will shout, "Peace,
Peace, peace, peace!"

## **Vortsl un Fligl** *(Root and Wing)*

*(Linda Gritz, August 2019)*

| | |
|---|---|
| Vortsl un fligl, (3x) | ווארצל און פליגל (3x) |
| Beyde, baglaykh, |ביידע באגלייך |
| Vortsl un fligl, (3x) | ווארצל און פליגל (3x) |
| Barg un taykh. | בארג און טייך |
| | |
| On a vortsl, nishto keyn veg, | אן א ווארצל נישטא קיין וועג |
| On a fligl, umtsilike teg. | אן א פליגל אומציליקע טעג |
| | |
| Vortsl un fligl... | ווארצל און פליגל |
| | |
| Amol hot a khokhem geshribn, | אמאל האט א חכם  געשריבן |
| Di verter zaynen undz geblibn: | די ווערטער זיינען אונדז געבליבן |
| | |
| "Nisht nor a mentsh, | נישט נאר א מענטש |
| Nor oykh a folk | נאר אויך א פאלק |
| Darf hobn a zikorn... | דארף האבן א זכרון |
| On zikorn, [volt a] folk | אן זכרון וואלט א פאלק |
| Nisht kliger, nisht beser [gevorn]." | נישט קליגער נישט בעסער געווארן |
| | |
| Vortsl un fligl... | ווארצל און פליגל |
| | |
| Mit a vortsl, nokh tifer farshteyn, | מיט א ווארצל  נאך טיפער פארשטיין |
| Mit a fligl, nokh vayter zen. | מיט א פליגל נאך ווייטער זען |
| | |
| Vortsl un fligl... | ווארצל און פליגל |

*(Root and wing, both, together,*
*Root and wing, mountain and stream.*

*Without a root, there is no way.*
*Without a wing, aimless days.*

*A sage* once wrote, and his words have stayed with us:*
*"Not just a person, but a people must have a memory.*
*....Without memory, a people [could] not grow wiser or better."*

*With a root, deeper understanding,*
*With a wing, greater vision.)*

**I.L. Peretz*

**Yugnt Himen** *(Youth Anthem)*
Shmerke Kaczerginski
written in the Vilna Ghetto for the Ghetto Youth Club

**Yiddish Lyrics**

Undzer lid iz ful mit troyer
Dreyst iz undzer muntergang.
Khotsh der soyne vakht baym toyer
Shturemt yugnt mit gezang.

Refrain
Yung is yeder, yeder, yeder ver es vil nor,
Yorn hobn kayn batayt.
Alte kenen oyb zey viln oykh zayn kinder
Fun a nayer, frayer tsayt.

Ver es voglt um oyf vegn,
Ver mit dreystkayt shtelt zayn fus,
Shteyt di yugnt zey antkegn
Funem geto a gerus.

*Refrain*

Mir gedenken ale sonim,
Mir dermonen ale fraynd.
Eybik veln mir farbindn
Undzer nekhtn mitn haynt.

*Refrain*

Klaybn mir tsunoyf di glider,
Vider shtoln mir di rey.
Geyt a boyer, geyt a shmider –
Lomir ale geyn mit zey!

*Refrain*

**English Translation**

Our song is full of sorrow,
But bold is our cheerful step.
Though the enemy guards the gate,
Youth storms forth with their song.

Refrain
Young is everyone who wants to be,
Years have no meaning.
The old can, if they want, be children too
In a new, free time.

Those who wander the roads,
Those who set forth with a bold step,
Youth goes out to meet them
With a greeting from the ghetto.

*Refrain*

We remember all of our enemies,
We recall all of our friends.
We will forever connect
Our yesterday with today.

*Refrain*

We gather our members
To reinforce the line.
A builder marches, a smithy marches --
Let's all march with them!

*Refrain*

**Zay Freylekh** *(Be Happy)*

Music & lyrics: unknown
from the repertoire of Arkady Gendler




**Verse 1: original lyrics**

Zay freylekh, zay freylekh,
Vish oys a trer un veyn nit mer,
Zay freylekh, zay freylekh.
Keyner zol nit visn fun dayn tsar,
Zay freylekh, zay freylekh.
Der sod muz blaybn dayn!
Mit ale koykhes halt di trern ayn,
Keyner zol nit visn fun dayn payn,
Meg dos harts in dir tserisn zayn,
Freylekh zolstu zayn.

**Translation** (not singable)

Be happy, be happy,
Wipe away a tear and cry no more,
Be happy, be happy.
No one should know of your sorrow.
Be happy, be happy.
The secret must remain yours!
With all your strength hold back your tears,
No one should know of your pain,
Though your heart is broken,
Be happy.

**Verse 2: new text by Linda Gritz**

Zay freylekh, zay freylekh,
Loz aroys a trer un layd nit mer,
Zay freylekh, zay freylekh.
Zolstu mer nit visn fun kayn tsar,
Zay freylekh, zay freylekh.
Dos lebn blaybt nokh dayns!
Un zol dos lebn onvern di shayn
Zoln zikhroynes lindern dayn payn
Meg dos harts in dir tserisn zayn
Freylekh zolstu zayn.

Be happy, be happy,
Let your tears flow and suffer no more,
Be happy, be happy.
May you be spared further sorrow,
Be happy, be happy.
Life is still yours!
And if life loses its shine,
May memories soothe your pain,
Though your heart is broken,
Be happy.

## Singing

Words by Zisha Weinper (1893–1957); music by Paul Lamkoff. Published in the composer's collection *Ten Hebrew Song Classics*, Los Angeles, 1929. The song was also published in *Zingendik, lider far yugnt,* compiled by Raley (Vilna, 1936), and in the *Kinder-Fraynd* (Muzikalishe biblyotek, no. 6, [Warsaw, November 1937], as part of a play *Tsu der zun* (with texts by A. Katz and Z. Weinper, music and arrangements by I. Troupianski). It was sung in the film of the Medem Sanitarium *Mir kumen on* (We Are Coming) (see songs "Mir kumen on" and "Nor a mame").

| | |
|---|---|
| Zingendik,<br>Treyst zikh di velt di farvundete,<br>Un durkh gezang<br>Efenen zikh di hent gebundene. | זינגענדיק,<br>טרייסט זיך די וועלט די פֿאַרווּנדעטע,<br>און דורך געזאַנג<br>עפֿענען זיך די הענט געבונדענע. |
| **Refrain:**<br>Zingen mir, zingen mir, zingen mir,<br>Un ale veltn farklingen mir. | **רעפֿריין:**<br>זינגען מיר, זינגען מיר, זינגען מיר,<br>און אַלע וועלטן פֿאַרקלינגען מיר. |
| Zingendik,<br>Vakht oyf di velt di farmaterte,<br>Un durkh gezang,<br>Mit fener royte un tseflaterte. | זינגענדיק,<br>וואַכט אויף די וועלט די פֿאַרמאַטערטע,<br>און דורך געזאַנג,<br>מיט פֿענער רויטע און צעפֿלאַטערטע. |
| Zingendik,<br>Vakht oyf di velt di farblutikte,<br>Un durkh gezang<br>Freyen zikh hertser gemutikte. | זינגענדיק,<br>וואַכט אויף די וועלט די פֿאַרבלוטיקטע,<br>און דורך געזאַנג<br>פֿרייען זיך הערצער געמוטיקטע. |

Singing, the wounded world consoles itself. And through song our clenched fists open up.

We sing, we sing, and our song resounds throughout the world!

Singing, the tired old world awakes through song with red and flapping banners.

Singing, the bloody world awakes. And through song encouraged hearts rejoice.

## ZOG NIT KEYN MOL!

## זאָג ניט קיין מאָל!

### Hymn of the Partisans

Poem by Hirsh Glik (1922-1944), music by Dmitri Pokrass. The song became the hymn of the United Partisan Organization in 1943. It spread to all the camps in Eastern Europe and later to all Jewish communities the world over. It was translated into several languages. Today it is sung at memorial meetings for martyred Jews. Published by Yehude Ayzman in 1945.

Zog nit keyn mol az du geyst dem letstn veg,
Khotsh himlen blayene farshteln bloye teg.
Kumen vet nokh undzer oysgebenkte sho —
S'vet a poyk ton undzer trot — mir zaynen do!

Fun grinem palmenland biz vaysn land fun shney,
Mir kumen on mit undzer payn, mit undzer vey,
Un vu gefaln s'iz a shprits fun undzer blut,
Shprotsn vet dort undzer gvure, undzer mut.

S'vet di morgnzun bagildn undz dem haynt,
Un der nekhtn vet farshvindn mitn faynd,
Nor oyb farzamen vet di zun in dem kayor —
Vi a parol zol geyn dos lid fun dor tsu dor.

Dos lid geshribn iz mit blut un nit mit blay,
S'iz nit keyn lidl fun a foygl af der fray,
Dos hot a folk tsvishn falndike vent
Dos lid gezungen mit naganes in di hent!

To zog nit keyn mol az du geyst dem letstn veg,
Khotsh himlen blayene farshteln bloye teg.
Kumen vet nokh undzer oysgebenkte sho —
S'vet a poyk ton undzer trot — mir zaynen do!

זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זײַנען דאָ!

פֿון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווײַסן לאַנד פֿון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּײַן, מיט אונדזער וויי,
און וווּ געפֿאַלן ס'איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבֿורה, אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגנזון באַגילדן אונדז דעם הײַנט,
און דער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿײַנד,
נאָר אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר —
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פֿון דור צו דור.

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בלײַ,
ס'איז ניט קיין לידל פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿרײַ,
דאָס האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט!

טאָ זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זײַנען דאָ!

**DOS LAND IZ DAYN LAND** *(This Land Is Your Land)*

based on "This Land Is Your Land" by Woody Guthrie, 1940
Yiddish lyrics by Linda Gritz and Daniel Kahn, with Michael Alpert, Josh Waletzky, and Harry Bochner

**Yiddish Lyrics**

Kh'hob mir gevandert in a land a frayen
Aroys fun midber, vi mi-mitsrayem,
Gezukht a nayem Yerushalayem,
Dos iz a land far mir un dir.

REFREN
Dos land iz dayn land, dos land iz mayn land
Fun kalifornye biz elis ayland,
Fun di groyse oz'res biz di breyte yamen,
Dos iz a land far mir un dir.

Ikh gey ariber di berg un teler,
Arumgeringlt fun zise keler.
Di ritshkes murmlen, di feygl zingen:
Dos iz a land far mir un dir.

Kh'ze a groysn moyer mit a shild vos vornt:
Vil men araynet, shteyt az me tor nit,
Nor af yener zayt, shteyt dortn gornit,
Ot iz di zayt far mir un dir.

Gey ikh mir voglen, di zun fun oybn,
Nor beyze vintn tseblozn shtoybn,
Durkh di tumanen, her ikh gezangen:
Dos iz a land far mir un dir.

Af nase gasn, in tife shotns,
Ze ikh vi mentshn betn nedoves.
Bay aza dales, tu ikh zikh klern
Tsi dos iz a land far mir un dir.

Es ken shoyn keyner undz nit farshtern,
Di fraye vegn undz nit farvern.
Nito keyn tsamen, ven nor tsuzamen.
Dos iz a land far mir un dir.

REFREN

**English Translation**

I wandered, into a free country
Out of the desert, as though from Egypt,
Looking for a new Jerusalem,
This is a country for me and you.

This is your country, this is my country,
From California to Ellis Island,
From the Great Lakes to the wide seas,
This is a country for me and you.

I walk over mountains and valleys
Surrounded by sweet voices.
The streams murmur, the birds sing:
This is a country for me and you.

I see a big wall with sign that warns:
If you want to enter, it says it's forbidden,
But on the other side, it says nothing,
That is the side for you and me.

I go wandering, the sun above,
But evil winds are blowing dust,
Through the haze, I hear singing:
This is a country for me and you.

On wet streets, in deep shadows,
I see people begging for change.
To see such poverty, I wonder,
If this is a country for me and you.

There's no one who can stop us,
Or forbid us the paths of freedom.
There are no barriers, if only we are united.
This is a country for me and you.

# HOB IKH MIR AN ALTN DAYM

# האָב איך מיר אַן אַלטן דײַם

## An Old Dime

Folk song, published by M. Gelbart in 1938.

Hob ikh mir an altn daym –
Iz der daym oykh nit mayn.

**CHORUS:**
Lomir ale freylekh zayn,
Kumt mit mir in shenk arayn,
Trinken bronfn, trinken vayn!

Nit keyn morgn, nit keyn haynt–
Nit keyn khaver, nit keyn fraynt. . .

Hob ikh mir a gantsn toler –
Vel ikh zayn der gantser tsoler.

Hob ikh nit keyn vayb un kind –
Bin ikh fray vi der vint. . .

Lomir zayn vi di alte babes –
Lomir makhn fun mitvokh shabes!

האָב איך מיר אַן אַלטן דײַם —
איז דער דײַם אויך ניט מײַן.

רעפֿריין:
לאָמיר אַלע פֿריילעך זײַן,
קומט מיט מיר אין שענק אַרײַן,
טרינקען בראָנפֿן, טרינקען ווײַן!

ניט קיין מאָרגן, ניט קיין הײַנט —
ניט קיין חבֿר, ניט קיין פֿרײַנט.

האָב איך מיר אַ גאַנצן טאָלער —
וועל איך זײַן דער גאַנצער צאָלער.

האָב איך ניט קיין ווײַב און קינד —
בין איך פֿרײַ ווי דער ווינט.

לאָמיר זײַן ווי די אַלטע באָבעס —
לאָמיר מאַכן פֿון מיטוואָך שבת!

All I have is an old dime, which isn't even mine. But let's throw our cares away. Let's be gay and have a drink without worrying about today or tomorrow, about friends or relatives. If I find a dollar, the treat will be on me. Let's not be gloomy like old wives—let's turn our weekdays into joyful Sabbath days.

## HULYET, HULYET, BEYZE VINTN

## הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן

### Howl, Howl, Raging Winds

A worker's song by poet Abraham Reisen (1875-1953), originally entitled *"Tsum vinter"* (To winter). Words and music published by Michel Gelbart (for mixed chorus) in sheet music by Jos. P. Katz, N.Y., 1916 and Y. Glatshteyn in Warsaw in 1918.

In his memoirs *Epizodn fun mayn lebn* (Episodes from My Life), Reisen recounts how in the winter of 1900 scenes of dire poverty moved him to write this poem. A. Litvak, a leader of the Jewish Labor Bund, recalls that in 1904-5 the workers themselves changed the last lines to express the hope that their hardships would end: "Winter will *not* last long, summer is *not* far off."

Chana Krystal-Fryshdorf, a fighter in the Warsaw Ghetto Uprising, describes a cultural gathering in the Ghetto: "Virovski, a well-known Bundist activist and teacher in the Yiddish schools in Lodz, concluded his lecture on Yiddish poets with Reisen's poem *'Hulyet, hulyet beyze vintn.'* Everyone was moved." Chana Fryshdorf later informed compilers that Virovski's recitation contained the optimistic last lines: "Winter will not last long, summer is not far off."

Hulyet, hulyet, beyze vintn,
Fray bahersht di velt!
Brekht di tsvaygn, varft di beymer,
Tut vos aykh gefelt.

Traybt di feygl fun di felder
Un faryogt zey fort;
Di vos kenen vayt nisht flien,
Teyt zey oyfn ort.

Rayst di lodn fun di hayzlekh,
Shoybn brekht aroys;
Brent a likhtl ergets tunkl,
Lesht mit tsorn oys!

Hulyet, hulyet, beyze vintn,
Itst iz ayer tsayt!
Lang vet doyern der vinter,
Zumer iz nokh vayt!...
Lang vet nit doyern der vinter,
Zumer iz nit vayt.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פריי באַהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגן, וואַרפט די ביימער,
טוט וואָס אײַך געפעלט.

טרייבט די פייגל פון די פעלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט;
די וואָס קענען ווייט נישט פליען,
טייט זיי אויפן אָרט.

רייסט די לאָדן פון די הייזלעך,
שויבן ברעכט אַרויס;
ברענט אַ ליכטל ערגעץ טונקל,
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט!
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער
זומער איז נאָך ווייט!...
לאַנג וועט ניט דויערן
דער ווינטער,
זומער איז ניט ווייט.

Howl, howl, raging winds! Rule the world without restraints! Smash the branches, hurl the trees. Do whatever you will. Drive the birds from the field and chase them away. Those that can't fly kill at once. Tear the shutters from the houses, smash the windowpanes. If somewhere a candle burns in darkness, extinguish it with rage. Howl, howl, raging winds! Now your time has come. Winter will last a long time. Summer is still far off.

**Lomir Ale In Eynem** *(Let's all together)*

Lyrics: Mordkhe Rivesman

Composer unknown

**Yiddish lyrics**

Lomir ale in eynem, in eynem,
______ mekabl ponim zayn
______ mekabl ponim zayn

Lomir ale in eynem, lomir ale in eynem,
Trinken a glezele vayn!
Lomir ale in eynem, lomir ale in eynem,
Lustik un freylekh zayn!

**English translation**

Let's all together, together,
Welcome __________
Welcome __________

Let's all together, let's all together
Drink a glass of wine!
Let's all together, let's all together
Be merry and joyful!

**A Refue Shleyme**
Linda Gritz, January 2021
revised April/May 2021 in Arbeter Ring online Lid-Arbeter Workshop led by Daniel Kahn

**Yiddish lyrics**

A refie shleyme dir man kind,
A refie shleyme, za shtark in gezint.
Ven ikh zol zan a kishef-makherin,
Volt ikh gekisht dus zise kepele,
In geglet dus tayere heldzele,
In alts vet beser zan.

Ya ba ba…

Shkhine-shel-oylem, her tsi atsind,
Shkhine-shel-oylem, helf man kind.
Zolst mir zan a kishef-makherin
Vus kisht dus zise kepele,
In glet dus tayere heldzele,
In alts vet beser zan.

Ya ba ba…

**English translation**

Get well soon, my child,
Get well soon, be strong and healthy.
If I were a magician,
I would kiss your sweet head,
And caress your precious neck,
And all will be better.

Ya ba ba…

Mother of us all, listen now,
Mother of us all, help my child.
May you be a magician
That kisses her sweet head
And caresses his precious neck,
And all will be better.

Ya ba ba…

אַ רפֿואה שלימה דיר מײַן קינד,
אַ רפֿואה שלימה, זײַ שטאַרק און געזונט.
ווען איך זאָל זײַן אַ כּישוף־מאַכערין,
וואָלט איך געקושט דאָס זיסע קעפּעלע,
און געגלעט דאָס טײַערע העלדזעלע,
און אַלץ וועט בעסער זײַן.

יאַ באַ באַ...

שכינה־של־עולם, הער צו אַצינד,
שכינה־של־עולם, העלף מײַן קינד.
זאָלסט מיר זײַן אַ כּישוף־מאַכערין
וואָס קושט דאָס זיסע קעפּעלע,
און גלעט דאָס טײַערע העלדזעלע,
און אַלץ וועט בעסער זײַן.

יאַ באַ באַ...

## SHMILIK, GAVRILIK

## שמואליק, גבֿריאליק

### Shmilik, Gavrilik

Text by I. Reingold (1873-1903); music by G. Mendelson. The poem, entitled *Tsvey Khaveyrim* (Two Friends), about Shmilik and Azrilik, was published in the *Forward*, May 9, 1897. The song tells how the more aggressive of two childhood friends became a prosperous boss in the new country, while the more submissive one ended up as his exploited factory hand.

Shmilik, Gavrilik, khaveyrimlekh tsvey
Shpiln zikh beyde, keyn glaykhn tsu zey–
In ferdlekh, mit shverdlekh, in zamd un in erd,
Shmilik, der shmayser, Gavrilik, der ferd.

Shmilik, Gavrilik, zey vaksn gikh oys,
Kumt zey in zinen: amerike iz groys.
Gekumen tsu shvimen tsu der goldener erd–
Shmilik, der shmayser, Gavrilik, der ferd.

Shmilik, Gavrilik, in goldenem land:
Shmilik a "bosl", Gavrilik zayn hant;
Shmilik, in himl, Gavrilik in d'rerd–
Shmilik der shmayser, Gavrilik der ferd.

Shmilik, Gavrilik, keyn fraynd shoyn nit mer,
Shmilik, a "lendlord", a yakhsn iz er;
Gavrilik, zayn shokhn, in "beysment", in d'rerd,
Shmilik blaybt shmayser, Gavrilik blaybt ferd.

שמואליק, גבֿריאליק, חבֿרימלעך צוויי
שפּילן זיך בײדע, קײן גלײַכן צו זײ —
אין פֿערדלעך, מיט שווערדלעך, אין זאַמד און אין ערד,
שמואליק דער שמײַסער, גבֿריאליק דער פֿערד.

שמואליק, גבֿריאליק, זײ וואַקסן גיך אויס.
ליגט זײ אין זינען: אַמעריקע איז גרויס.
געקומען צו שווימען צו דער גאָלדענער ערד —
שמואליק דער שמײַסער, גבֿריאליק דער פֿערד.

שמואליק, גבֿריאליק, אין גאָלדענעם לאַנד:
שמואליק אַ „באָסל", גבֿריאליק זײַן האַנט.
שמואליק אין הימל, גבֿריאליק אין ד׳רערד —
שמואליק דער שמײַסער, גבֿריאליק דער פֿערד.

שמואליק, גבֿריאליק, קײן פֿרײַנד שוין ניט מער,
שמואליק אַ „לענדלאָרד", אַ יחסן איז ער;
גבֿריאליק זײַן שכן, אין „בײסמענט", אין ד׳רערד,
שמואליק בלײַבט שמײַסער, גבֿריאליק בלײַבט פֿערד.

Shmilik and Gavrilik, two childhood friends, played horses in the sand with swords. Shmilik was the rider and Gavrilik, the horse. Shmilik and Gavrilik grew up and came to the golden land. Shmilik became a boss and Gavrilik, his factory hand. No longer friends, Shmilik became a landlord and Gavrilik lived in the basement. Shmilik is in heaven and Gavrilik in hell: Shmilik remained the rider and Gavrilik, the horse.

# Yankele

This lullaby was written by one of the last popular Yiddish folk poets, Mordkhe Gebirtig (1877-1942), who was killed by the Nazis. Author of the prophetic *Es Brent Briderlekh* (1938), *Reyzele, Motele, Moyshele, Mayn Fraynd, Dray Tekhterlekh*, and others, Gebirtig's songs became immediate hits in the 1920's. They were sung on both sides of the Atlantic, due largely to their popularization by celebrities of the Yiddish theatre such as Molly Picon. This charming lullaby is part of the standard repertoire of all singers of Yiddish song in the Americas, Soviet Russia and Israel.

Shlof zhe mir shoyn, Yankele, mayn sheyner,
Di eygelekh, di shvartsinke, makh tsu;
A yingele, vos hot shoyn ale tseyndelekh,
Muz nokh di mame zingen ay-lyu-lyu.

שלאָף זשע מיר שוין, יאַנקעלע, מײַן שיינער,
די אייגעלעך, די שוואַרצינקע, מאַך צו;
אַ יינגעלע, וואָס האָט שוין אַלע ציינדעלעך
מוז נאָך די מאַמע זינגען אײַ־ליו־ליו.

A yingele, vos hot shoyn ale tseyndelekh
Un vet mit mazl bald in kheyder geyn,
Un lernen vet er khumesh un gemore,
Zol veynen ven di mame vigt im ayn?

אַ יינגעלע, וואָס האָט שוין אַלע ציינדעלעך
און וועט מיט מזל באַלד אין חדר גיין,
און לערנען וועט ער חומש מיט גמרא,
זאָל וויינען ווען די מאַמע וויגט אים אײַן?

A yingele, vos lernen vet gemore,
Ot shteyt der tate, kvelt un hert zikh tsu,
A yingele, vos vakst a talmed-khokhem,
Lozt gantse nekht der mamen nisht tsu ru?

אַ יינגעלע וואָס לערנען וועט גמרא,
אָט שטייט דער טאַטע, קוועלט און הערט זיך צו,
אַ יינגעלע, וואָס וואַקסט אַ תּלמיד־חכם,
לאָזט גאַנצע נעכט דער מאַמען נישט צו רו?

A yingele, vos vakst a talmed-khokhem,
Un a geniter soykher oykh tsu glaykh,
A yingele, a kluger khosn-bokher,
Zol lign azoy nas vi in a taykh?

אַ יינגעלע, וואָס וואַקסט אַ תּלמיד־חכם,
און אַ געניטער סוחר אויך צו גלײַך,
אַ יינגעלע, אַ קלוגער חתן־בחור,
זאָל ליגן אַזוי נאַס ווי אין אַ טײַך?

Nu shlof zhe mir, mayn kluger khosn-bokher,
Dervayl ligstu in vigele bay mir.
S'vet kostn nokh fil mi un mames trern
Biz vanen s'vet a mentsh aroys fun dir.

נו, שלאָף זשע מיר, מײַן קלוגער חתן־בחור,
דערווײַל ליגסטו אין וויגעלע בײַ מיר.
ס'וועט קאָסטן נאָך פֿיל מי און מאַמעס טרערן
ביז וואַנען ס'וועט אַ מענטש אַרויס פֿון דיר.

Sleep now, Yankele, my pretty one; close your little dark eyes. A child who has all his teeth still needs his mother to sing him to sleep! A little boy who will soon go to *kheyder* to study Torah and Talmud still cries while his mother rocks him to sleep! A little boy, a budding scholar (how your father beams when he hears that!), who never lets his mother sleep at night! A little boy, who one day will grow up to be a scholar, a businessman and a bridegroom is lying here soaking wet as in a puddle! So sleep, my scholar, my bridegroom! For a while, you are still here with me. It will cost your mother much hard work and many tears to make a man out of you.